ר ב י 97

קאשמאן דער נעלם

דאס איז איין טייערע אונ ליבליכע געשיכטע, וואס האט
זיך גיטראפין מיט איין גרויסין צדיק איין גאון עולם, וואס
מען האט פון אים ניט גיוואוסט, אונ דורך איין וואונדער־
ליכע יודישע היסטאריע איז ער נתגלה גיווארין לכלל
ישראל, אויך האט ער מציל גיוועזין טויזענדער יהודים
פון אומגליק.

ארויס גיגעבין פֿון המאסף יב"ץ בערך.

הזכות נמכר לצמיתות לרי"ל מ"ץ נ"י.

נאכֿדרוק פֿערבאטין

ווילנא

שנת תרמ"ב לפ"ק

КАШМАНЪ НЕЕЛОМЪ,
или скрытный святой. Разсказъ И. Берха
Съ изд. 1879 г. Собств: и изданіе Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ
переулкѣ, домъ Ш. Кисина № 1195/6 1882.

Дозволено цензурою.— 28 Ноября 1881 г. Вильна.

וַיְהִי בִּשְׁנַת רל"ג לְאֶלֶף הַשִּׁשִּׁי, דָאס אִיז שׁוֹין מֶער וִויא פִיר הוּנְדֶערְט יָאר, אִיז גִיוֶועזִין אִין דֶער גְרוֹיסֶע שְׁטָאט פְרַאנְקְפוּרְט בַּייא דֶעם טַייךְ מַאיְין, אֵיין גְרוֹיסֶער גְרַאף, מֶען הָאט אִים גֶערוּפִין לֶעאָן אוּנְץ, דֶער גְרַאף אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר רַייךְ גָאר אָן שִׁאץ, עֶר הָאט גִיהַאט אוּנְטֶער זַיין שׁוּץ זֵייעֶר פִיל שְׁטֶעט אוּנ דֶערְפֶער, וֶועלְדֶער אוּנ פֶעלְדֶער, בִּיז עֶס אִיז גִיוֶועזִין פַארֶערְכִינְט פִיר אֵיין קְלֵיינֶע מְלוּכָה כִּמְעַט, אוּנ דֶער גְרַאף הָאט גִיוַוינְט אִין פְרַאנְקְפוּרְט, וַוייל זִיא אִיז זֵייעֶר אֵיין שֵׁיינֶע שְׁטָאט, זֵייעֶר אֵיין גֶעצִירְטֶע, אוּנ אִין אַלֶע מִלְחָמוֹת פוּן דִיא קְלֵיינֶע פִירְסְטִין וָואס עֶס אִיז גִיוֶועזִין פוּל אִין פְרַייסֶען זֵייעֶר פִיל, אִיז בֶּעוואוּסְט דִיא שְׁטָאט מֶער וִויא אַלֶע, וַוייל אַלֶע קוּרְפִירְסְטִין הָאבִין גִיהַאט אֵיין בְּלִיק צוּא נֶעמֶען זִיא אוּנְטֶער זֵייעֶר שׁוּץ, דֶר גְרַאף לֶעאָן, הָאט אוֹיךְ פִיל מִלְחָמוֹת גִיהַאט פִיר דֶער שְׁטָאט. נוּר זִיא אִיז גִיבְּלִיבִּין בַּייא אִים, עֶר אִיז גִיוֶועזִין מִיט דֶער נַאטוּר נִיט קֵיין שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גִיוואוּקְסְט, אַז אִידִין זַיינֶען אֵיין שֵׁיינֶע פָאלְק, אוּנ טְרַייעֶ צוּ אִים, נָאר דִי יֶעזוּאִיטִים (דָאס הֵייסְט דִיא קַאטוֹילִישֶׁע גַלָּחִים וָואס זַיינֶען זֵייעֶר פֶערְנַארֶעשְׁט גִיוֶועזִין) הָאבִין שְׁטֶענְדִיג אָן גִירֶעט בַּייזֶעס אוֹיף אִידִין, אוּנ הָאבִּין נִיט גִילָאזִין אַז אִידִין זָאלִין וַוייגֶען אִין שְׁטָאט, צוּא וִוישִׁין אַלֶע נַאצְיָאנֶען (פֶעלְקֶער) נוּר זַייא הָאבִין גִימוּזְט וַויינֶען אִין אֵיין בֶּעזוּנְדֶערֶע גַאס, אֵיין פִינְסְטֶערֶע אוּנ אֵיין בְּלָאטִיקֶע אַלֶע מִיסְטִין אוּנ אוּנְרֵיינִיגְקֵייט פְלֶעגִין זֵיי וַוארְפִין דוּרְךְ דֶעם פַארְקַאן אוֹיף דִיא אִידֶעשֶׁע הֵייזֶער, דִיא גַאס אִיז בֶּעוואוּסְט הַיינְט אוֹיךְ, מִיט דֶעם נָאמֶען „גֶעהֶטֶע" נוּר יֶעצְט גָאט צוּא דַאנְקֶען וַוייסִין מִיר נוּר דֶעם נָאמֶען, פִיר אֵיין מַצֶבֶת זִכָּרוֹן (דָאס הֵייסְט פִיר אֵיין אָנְדֵיינְקוּנְג) פוּן דֶערְמָאנוּנְג וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט הַיינְט אוּנְטֶער דִיא פְלִיגְלֶען פוּן מלכי חסד, אוּנ עֶס אִיז נָאר יֶעצְט צוּא דֶער צֵיילִין נִסִים וָואס השם יתברך הָאט מִיט אוּנְז גִיטָאן, אַז עֶר הָאט אוּנְז נִיט פֶערְגֶעסִין אוּנ נִיט פֶערְלָאזִין, אִין דֶער „גֶעהֶטֶע" פְלֶעגְט דֶער גְרַאף קֵיין מָאל נִיט גֵיין, אוּנ עֶר הָאט אִידִין נִיט גִיטָאן קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס, נוּר וֶוען עֶר פְלֶעגְט דַארְפִין גֶעלְד צוּא דִיא מִלְחָמוֹת, פְלֶעגְט עֶר פַאר רוּפִין אַלֶע זַיינֶע יוֹעֲצִים, הַאלְטִין עֵצוֹת קְרִיגִין אֵיין קְוֶועלֶע צוּא גֶעלְט, אִיז פִיל מָאל גִישְׁטֶעלְט אֵיין קָאנְטֶערְבּוּצְיֶע (אָב צָאלַאכְץ) אוֹיף אַלֶעמֶען; פְלֶעגִין מְקַטְרֵג זַיין דִיא גַלָּחִים פוּן קַאטוֹלִישִׁין גְלוֹיבִּין, אַז

אידין מוזין געבין טאפיל נאך דעם ערך, פלעגט מען שוין רופין דעם אנפירער (דער הויפט מאן) פון אידין מען האט אים גירופין ר׳ זבולון אמשטערדאם, ער זאל אריין טראגין דיא געלט אין איין קורצין משך וואס מען האט אים בעשטעלט, עס האט ניט גיהאלפין קיין יאמער קיין געוויין, מען האט גימוזט איספעלנען דעם פריקאז, אונ אז ניט, איז גיוועזין דער שווערד אויפין האלז, אדער גירושין ארויס טרייבין פון דער מדינה.

דער ר׳ זבולון אמשטארדאם איז גיוועזין איין גרויסער עשיר ביי אידין, אונ זייער איין קלוגער מענטש, אויך זייער פרום, אז ער פלעגט זעהען דעם פיין פון דיא ארעמע אידין, אז זייא קאנען ניט געבין דעם מס הגולגולת (דעם פאדאטאק) פלעגט ער דער לייגין פון זיינע, מען זאל זיי ניט פייניגין מיט יסורים חס ושלום, נור השי״ת פלעגט אים אב געבין כפל כפלים, ער איז גיווארין איין איש מצליח, גם ביי דעם גראף איז ער גיוועזין לחן ולחסד, גאט האט אים גיגעבין לרחמים ביי דעם אלטין גראף, אונ פיל מאל פלעגין דיא פוילישע גלחים וועלין מקטרג זיין אויף אידין, פלעגט דער גראף הייסין האבין איין ויכוח מיט זייא פלעגט ער שטענדיג אוים פירין, זייא פלעגין ניט האבין קיין שום מויל צוא אים, ווייל ער האט גיוואוסט זייער פיל משלים אונ היסטאריעס פון תלמוד אונ מדרשים אונ נאך הייליגע ספרים פלעגט ער זייא באלד אויף ווייזין זייער נארישקייט, אונ פלעגין בלייבין זיצין וויא הערצער, דער גראף פלעגט זייער פערגעניגין האבין צוא הערין זיינע זיסע געשפרעך, אונ פלעגט אים טאן גרויסע טובות, ביז ער איז גליקליך גיווארין פון אים.

דער גראף לעאן אונץ, האט גיהאט איין יונגין זון, מען האט אים גירופין קונץ אונץ, דער יונגער גראף האט ניט גיקאנט זעהען וויא דער אלטער פאטער איז מקרב איין אידין, אונ ווייסט אים פריינדליכקייט, דען דעם קונץ אונץ האט גילערינט איין יעזואיט (וואס מיר האבין שוין ערקלערט פריער) דיא פירונג פון רעליגיאן, אויך עטוואס בילדונג אונ קענטניסע, וויא נאך יענער צייט נאך, דער לערער דער יעזואיט איז גיוועזין איין גוטער מלמד, דאס הייסט ער האט אין אים געוויזין איין גרויסע פעולה, ניט אין גרויס קענטניסע, נור אין פאנאטיזמוס דאס הייסט, וויא מען בעדארף פיינט האבין

דָעם אַנְדֶערֶער מֶענְטְשִׁין , וָואס אִיז נִיט פוּן זַיין גְלויבִּין , אוּנ מֶען בַּארְף רוּדֵף זַיין עַד חָרְמָה דִיא יְהוּדִים , וָוארוּם זַייא הָאבִּין אַיין אַנְדֶער רֶעלִיגְיָאן , פַאר שְׁטֵייט מֶען קְלָאר אַז קוּנְץ אוּנְץ הָאט זַייעֶר פַיינְט גִיהַאט דֶעם ר' זבולון אמשטרדאם , עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מַאכִין אַלֶע מִיטְלֶען וִויא צוּא עֶרְוַוייטֶערִין אִים פוּן דֶעם פַּאטֶערְם הויז , מִיט עֵצוֹת אוּנ תַּחְבּוּלוֹת , וִויא דֶער יֶעזוּאִיט הָאט אִים גִילֶערְנְט , נוּר דֶער אַלְטֶער גְרַאף לֵעאן אוּנְץ הָאט דָאס נִיט גִיהֶערְט , אוּנ צַייטִינְוַוייס פְלֶעגְט עֶר שְׁטְרָאפִין דֶעם זוּן קוּנְץ אוּנְץ , וָוארוּם פֶערְהַאסְט עֶר אַזוֹא פִיל דִיא יְהוּדִים גָאר אוּמְזִיסְט , אוּנ הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט אַז דֶער זבולון אמשטערדאם הָאט אִים גְרוֹיסֶע נוּצִין גִיבְּרַאכְט , עֶר אִיז וָוערְט מֶען זָאל אִים שֶׁעצִין וִויא נָאךְ זַיין עֶרֶךְ .

אִין דֶער צַייט , הַגַם דִיא יְהוּדִים הָאבִּין גִילֶעבְּט אִין אָרִימְקַייט אוּנ דַחֲקוּת בִּכְלָל , אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ גִיפוּנֶען אַיין גְרוֹיסֶער טֵייל פוּן זַייא , וָואס הָאבִּין גִיהַאט פִיל רַייכְטוּם , גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער , וָואס הַשֵׁם יתברך הָאט זַייא בֶּעגְלִיקְט , דֶען דִיא יְהוּדִים זַיינֶען שְׁטֶענְדִיג גִיוֶועזִין אַיין קְלוּגֶע פָאלְק , הָאבִּין גִילֶערִינְט דֶעם הֵיילִיגִין תַּלְמוּד , אוּנ אַיין מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט דוּרְךְ אַזוֹא אַיין גְרוֹיסִין יַם , גֶעפִינְט עֶר אַלֶערְלַייא פֶּערִיל אוּנ דִימֶענְטִין , דָאס הֵייסְט טַייֶערֶע מִדוֹת , צְדָקָה אוּנ חֶסֶד וְרַחֲמִים , פִיל זִיטֶען לֶערֶע אוּנ אַדִילְקַייט , דֶער צוּא פִיל שַׁארְפְזִינִיקַייט אוּנ פֶערְשְׁטַאנְד , דַארוּם הָאבִּין זַייא גִיקָאנְט אַלֶע אַרְבֶּעט וָואס עֶס נָאר נוּטְצְלִיךְ פַאר דֶער וֶועלְט , אוֹיךְ הָאבִּין אַיין גְרוֹיסֶער טֵייל פוּן זַייא גֶעקָאנְט אַיינִיגֶע שְׁפְּרַאךְ , וַוייל צוּא זַייא פְלֶעגִין קוּמֶען אָפְט קוֹיפְלַייטֶע פוּן אַלֶערְלַייא שְׁטֶעט , פְלֶעגִין זַייא צוּא זֶעהֶען דִיא פֵייהִיגְקַייט פוּן דִי יְהוּדִים , פְלֶעגִין זַייא שִׁיקִין פוּן זַייעֶרֶע שְׁטֶעט קִינְצְלֶער בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת , אוּנ גִילֶערִינְטֶע מֶענְטְשִׁין , אוֹיךְ פוּן דִיא קוֹיפְלַייטֶע הָאבִּין פִיל גִיקָאנְט וִויסֶענְשַׁאפְט , פְלֶעגִין דִי יְהוּדִים פוּן פְרַאנְקְפוּרְט אוֹיס לֶערְנֶען אַלֶם פוּן זַייא , אוֹיךְ דִיא קְרִיסְטִין פוּן דֶר שְׁטָאט פְרַאנְקְפוּרְט הָאבִּין בֶּעמֶערְקְט דִיא אֶרֶענְטְלִיכְקַייט אוּנ דִיא חֲרִיצוּת פוּן דִיא יְהוּדִים , פְלֶעגִין זַייא גֶעבִּין אַלֶע מְלָאכוֹת צוּא זַייא , גַם פְלֶעגִין זַייא מַאכִין מִיט זַייא דִיא גְרֶעסְטֶע גֶעשֶׁעפְטִין , דְרוּם אִיז אַיין גְרוֹיסֶער טֵייל פוּן דִיא יְהוּדִים גִיוֶועזִין זַייעֶר רַייךְ , אוּנ נִיט אַיין פִירְסְט אוּנ גְרַאף פוּן דִיא בִּירְגֶער הָאט זִיךְ גִיקֶענְט אוֹיס קוּמֶען אָן זַייא , בִּיז דֶער צַייט , פְלֶעגִין

זייא לייען געלט בייא דיא יהודים, השם יתברך האט זייא מצליח געוועזין, אונ אלע האבין שוין געוואוסט אז בייא דיא יהודים געפינט מען געלט, אונ עצות ותחבולות צו אלם, בייא זייא פלעגט זיין פאר בארגין אלע סודות, אונ פלעגין מציל זיין נפשות מיט זייערע גוטע אונ קלוגע מיטלען, דארום זאל ניט זיין קיין פליאה, אז די טייערסטע מאנטלען, אונ אלע נייעסטע מאדעס פלעגט זיך זעהען אין דר געהטע, (דיא יודישע גאס) ניט ווייל דיא יהודים האבין דאס גינוצט, ניין! דיא יהודים זיינען גיגאנגען זייער פראכט אונ פשוט, נאר אלע ראסטיקראטין אונ (אדעל לייט), פלעגין בלאנזען אונ בראדזען אין זומפ, זוכין געלט, עצות אונ מיטלען ביי דיא יהודים.

עס איז איבער גיגאנגען איין קורצע צייט, אונ אונזער יונגער פירסט פון שטאט, קונץ אונץ איז אויך גיווארין אנדערש, ער האט פיל מאל גיבלאנזעט אין דער מיסטיקע גאס ער האט פיל מאל אוועק גילאזין זיינע טייערסטע פאלאצין, דיא גרויסע טעמפלען, היכלי מלכים ושרים, אונ האט זיך פערוויילט אין געהטע, דען דער אלטער גראף האט גיוואוסט, אז ער פלעגט פערברענגען פיל געלט גאר אן איין שיעור אין קארטין, אונ אין אלע נארישע תאות וואס מאכט אום גליקליך איין יונגען מענטשין, אונ דער אלטער גראף פלעגט זייער שטרענג היטין דיא טריט, אוואו ער גייט אונ פארט, כדי ער זאל ניט ארײן פאלין אין איין אונגליק, ווייל ער האט גיוואוסט זיין נאטור, וואס האט אבער קונץ אונץ גיטאן, פלעגט ער זאגין ער גייט, אדער ער פארט, אין יודישע גאס, דאס בעדארף ער האבין צוא איין זייגער מייסטער, צוא איין גאלד שמיד, וכדומה, צוא איין שניידער אדער שוסטער, וכדומה, דער כלל איז יודין זיינען דיא גרעסטע קינסטלר פלעגט קונץ אונץ שרייען פאר דעם פאטער, ער האט דאס ניט גימיינט, ער האט גיהאט איין אנדער כונה אין דעם, דער ווייל פלעגט דער אלטער גראף קלערין, אז קונץ אונץ איז שוין פיל ארינטליכער גיווארין, ער ליבט שוין דיא יהודים, וואס פריער פלעגט ער זייא רודף זיין מיט וואס ער האט גיקאנט.

ליבער לעזער, דוא וועסט געוויס פרעגין וואס האט צוא טאן קונץ אונץ בייא דיא יהודים אין דער זומפיקע גאס? ער האט דארטין גיהאט איין איינגאנג, בייא התייט ר׳ שמעון לוי, דער שניידער האט

גיוויינט אין איין קליינע דירה, ביא דעם איזענטייער. אין דער דירה פלעגט מען מוזין זיך אויף דרייען אין דרייען ווען מען פלעגט אריין גיין, דיא סטאליוואנע איז גילעגין אויפין קאפ, דיא שויבין זיינען גיוועזין פערשטעקט מיט קאדער, דיא ווענט האבין גיהאט מער סלופעס אונטער שפארין זיא וויא פיל האלץ איז גיוועזין אין די ווענט, נאר ציכטיג אונ ריין איז דארטין גיוועזין, דער שמעון לוי איז גיוועזין איין דאמסקער שניידער איין ערליכער מאן, צוא אים פלעגין אריין גיין דיא גרעסטע דאמעס נייען בגדים יקרים, ער איז גיוועזין איין גרויסער מייסטער, נאר דער פרינץ קונץ אונץ האט דאס ניט גימיינט, צו געבין אים ארבעט, נאר ער האט בעדארפט איין אנדער זאך, וויא מיר וועלין דא ערציילין.

אין פראנקפורט האט גיוויינט איין אשה אלמנה (וויטווע) איין קריסטליכע, פון גרויסע פירסטין אונ הערצאגין האט זיא גישטאמט, איר מאן איז גישטארבין אין מלחמה, איז זיא גיבליבין גימיין, איר ערנערונג איז גיוועזין נאר פון פענסיע, וויא דער שטייגער איז, דען אירע גיטער זיינען פערברענט גיווארין מחמת דיא שריפות פון דיא מלחמות וואס זיינען גיוועזין אין דער צייט, דיא אלמנה האט גיהאט איין איינציגע טאכטער, זייער איין שרעקליכע גילערינטע אונ איין גרויסע יפת תואר זייער זעלטין, זיא איז גיוועזין אלט 17 יאר, יונגע גראפישע קינדער, פלעגין פאלין פיר איר, נור דיא מוטער האט ניט גיוואלט טאן מיט איר איין שידוך, ווייל זיא האט גיהאט איין פלימעניק דעם מאנס איין פריינד האט ער געסטודירט אין פאריז אין איין אקאדעמיע, האט ער איר גישריבין, אז ער וועט קומען אין פראנקפורט וועט ער איר נעמען, אונ דיא טאכטער האט אויך אזוי בעשלאסין, דיא אלע יונגע פירסטין וויא זייא פלעגין קומען, אזוא פלעגין זייא אוועק ליידיג אן איין שום האפונג, ביז וואנען זייא זיינען שוין מער ניט גיקומען צוא בעזוכין איר, דען דיא מוטער פלעגט זייא ניט לאזין אפילו פערברייגען מיט איר, דען זיא פלעגט אלס זאגין, איין שיינע פאגעל האט פיל יעגער, קאן מען זיא גיך אריין חאפין אין נעץ, דער נאמען אירער האט גיהייסין עוויגעניע קאסעל.

דער פרינץ קונץ אונץ, ער האט זיך דערוואוסט פון דער גראסארטיגע פריילין, עוויגעניע קאססעל, איז ער איינִיגע מאל גיקומען

בֶּעזוּכִין זִיא , אוּנ הָאט זַייעֶר שֵׁיינֶע אוּנ טַייעֶרֶע גִישַׁאנְקֶען גִילָאזִין דָארְטִין , נוּר דִיא מוּטֶער אִיז דֶער פוּן נִיט צוּא פְרִידִין גִיוֶועזִין , זִיא הָאט אִים גִיוָואלְט עֶנְטְדֶעקִין דֶעם אמת . נוּר זִיא הָאט זִיךְ גִישְׁרָאקִין פִיר אִים , עֶר אִיז דָאךְ דֶער נַאשְׁלֶיעדְנִיק פוּן גְרַאף פוּן שְׁטָאט , קָאן עֶר מַאכִין זִיא זָאל פֶּענְסְיֶע נִיט בֶּעקוּמֶען , אִיז זִיא גָאר אוּמְגְלִיקְלִיךְ , זִיא הָאט נִיט גִיוואוּסְט קֵיין עֵצָה דֶער צוּא , דִיא אַלְטֶע פִירְסְטִין הָאט נִיט גִירוּט פוּן צַעַר , דֶען דִיא עֶהְרֶע פוּן אִיר טָאכְטֶער אִיז בַּייא אִיר טַייעֶרֶער גִיוֶועזֶען וִויא אִיר גַאנְצֶער לֶעבִּין .

דִיא פִירְסְטִין הָאט גִיהַאט אַיין גוּטִין פְרַיינְד , אַיין גְרַאף וָואס עֶר אִיז אִיר גִיוֶועזִין אַיין שְׁטִיצוּנְג צַייטֶען וַויים , וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ עֶרְבַּארֶעמֶען אִיבֶּער דִיא אלמנה . (דִיא פִירְסְטִין) דֶעם גְרַאף הָאט מֶען גֶערוּפֶען הַאמְבּוּרְסְקִי , עֶר הָאט זִיךְ מִתְחַכֵּם גִיוֶועזִין , אוּנ הָאט גִיפוּנֶען אַיין עֵצָה טוֹבָה , זִיא זָאל דִינְגֶען אַיין אַנְדֶער דִירָה , דֶעם טַייעֶרִין וואוֹנוּנְג אוּנ שֵׁיינֶע פַּאלַאצִין זָאל זִיא אַוֶועק לָאזִין , אוּנ זִיא זָאל דִינְגֶען אַיין גֶעמֵיינֶען וואוֹנוּנְג אִין דֶער גֶעהֶטֶע צְווִישִׁין דִיא אָרִימֶע יְהוּדִים , דָארְטִין וֶועט דֶר שֵׂר נִיט הָאבִּין קֵיין שְׁלִיטָה , הָאט גֶעזָאגְט דֶר גְרַאף הַאמְבּוּרְסְקִי , דִי פִירְסְטִין הָאט אָן גִיהוֹיבִּין קוּשִׁין דֶעם גְרַאף אִין הַאנְד פִיר זַיין גוּטֶע עֵצָה , דֶער גְרַאף הָאט בַּאלְד גֶעשִׁיקְט זַיין דִינֶער , אוּנ הָאט גֶערוּפִין זַיין שְׁנַיידֶער שִׁמְעוֹן לֵוִי , וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פִיל חֵן בַּייא דֶעם גְרַאף , וַוייל עֶר הָאט אַיין מָאל גֶעפוּנֶען אַיין טַייסְטֶער מִיט זַייעֶר טַייעֶרֶע חֲפֵצִים , רִינְגֶען אוּנ דִימֶענְטִין וָואס דֶער גְרַאף הָאט אָן גֶעווָארִין לֶעבִּין טוֹיֶער פוּן גֶעטֶע , פוּן דַאמָאלְסְט אָן הָאט עֶר אִיהְם גִיגֶעבִּין שְׁטֶענְדִיג אַרְבֶּעט אוּנ הָאט זִיךְ פוּן אִים נִיט גִינַארְט , עֶר הָאט אַלְס גִיטָאן בֶּאֱמוּנָה , פְלֶעגְט דֶער גְרַאף אִים זַייעֶר שֵׁיין בֶּעצָאלֶען בִּיז עֶר הָאט פֶערְקְרָאכִין דִיא קְלֵיינֶע דִירָה וָואס מֶען הָאט אִיר דָא שֵׁיין פָאר גִישְׁטֶעלְט , אוּנ וַוייל יְהוּדִים הָאבִּין זִיךְ גֶעמוּזְט שְׁטִיקִין אִין דֶער גֶעהֶטֶע , דַארוּם אִיז דָארְטִין אַזוֹי אַיין דִירָה אוֹיךְ גִיקָאסְט פִיל גֶעלְט , אוּנ הָאט אִים גִיבֶּעטִין אַז עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס קְלַייבִּין פוּן זַיין דִירָה , אוּנ עֶר זָאל דָארְטִין צוּ נֶעמֶען דִיא יוּנְגֶע פִירְסְטִין עווגעניע קאסעל מִיט דֶר מוּטֶער , בִּיז וַואנֶען עֶר וֶועט זַייא קְרִיגִין אַיין שֶׁענֶערֶע דִירָה , כְּדֵי דֶער יוּנְגֶער פְּרִינְץ קונץ אונץ , זָאל נִיט וִויסִין וואוּ עווגעניע אִיז , דֶר גְרַאף הַאמְבּוּרְסְקִי הָאט פַּערְזָאגְט שמעון לוין אַז עֶר זָאל קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט

מְגַלֶה זַיין דֶעם סוֹד, פוּן דֶער יוּנְגֶע פִירְסְטִין, אוּנ וֶוען אֵיינֶער וֶועט פְרֶעגִין וֶועגִין אִיר, זָאל עֶר עֶנְטְפֶערִין, אַז זִיא אִיז גִיקוּמֶען צוּא אִים נֵייעֶן בְּגָדִים, אוּנ דֶעם נָאמֶען זָאל עֶר נִיט עֶנְטְדֶעקִין.

שמעון לוי הָאט עֶרְפִילְט זַיין וואוּנְשׁ, אוּנ הָאט אָבּ גִיטְרָאטִין זַיין הויז, פִיר דֶער פִירְסְטִין מִיט דֶער טָאכְטֶער עווגעניע קאססעל בִּיז וַואנֶען עֶר וֶועט קְרִיגֶען פִיר זֵיי אַיין וַואוּנוּנְג (סְטַאנְצְיֶע) אוּנ עֶר פְלֶעגְט טָאן אוֹיף דֶעם בוּידִים פוּן זַיין אָרִימֶע הַייזֶעלֶע, עֶר אִיז זֵייעֶר שֵׁיין פֶערְגֶעלְטִיגְט גֶעוָוארִין פוּן דֶער גְרַאפִינְיֶע, עֶס הָאט דֶער סוֹד אָבֶּער נִיט לַאנְג גֶעדוּיעֶרְט, אוּנְזֶער קוּנְץ אוּנץ הָאט זִיךְ אַרוּם גִיזֶעהֶען אַז עווגעניע קאססעל אִיז נִיטָא אוֹיף אִיר שְׁטֶענְדִיגִין וואוּנוּנְג הָאט עֶר דִיא וֶועלְט צוּ קֶערְט, עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבִּין חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זַיין וואוּ זִיא אִיז, בִּיז וַואנֶען עֶר הָאט דֶערזֶעהֶן אַיין דִינֶער וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזִין בַּייא דֶעם אַלְטִין גְרַאף הַאמְבּוּרְסְקִי, הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל רוּפִין צוּא זִיךְ דֶעם שְׁנַיידֶער שמעון לוי וֶועט עֶר אִים אַלְס מְגַלֶה זַיין, וָוארוּם זַיין הוֹיז וֵויים אִיךְ נִיט וואוּ? — כֹּחַ הוּא, קוּנְץ אוּנץ הָאט פַאר רוּפִין דֶעם שְׁנַיידֶער צוּא זִיךְ, עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין פִיל אַרְבֶּעט אוּנ הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גִיוֶועזִין, אוּנ אִין דֶעם פְרֶעגְט עֶר אִיהְם, וואוּ וֵוינְט יֶעצְט דִיא יוּנְגֶע פִירְסְטִין עווגעניע קאססעל, אוּנ עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט בְּשׁוּם אוֹפֶן, עֶר הָאט צוּא גִיזָאגְט אִים גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת. גְרוֹיסֶע גְלִיקִין הָאט עֶר פָאר גֶעשְׁטֶעלְט, אוּנ עֶס הֶעלְפְט נִיט, בִּיז עֶר זָאגְט אִים שְׁטְרֵיינְג, זָאג מִיר וואוּ אִיז עווגעניע קאססעל, אוּנ אוֹיבּ נִיט בִּיזְט דוּא דָא אוּמְגְלִיקְלִיךְ, שמעון לוי הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז דָא אִין אַיין גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, דֶען מֶער וִויא פִיר גוּלְדִין וֶועט עֶר פִיר זַיין לֶעבִּין נִיט בֶּעצָאלִין (אַזוֹי אִיז דַאמָאלְסְט גִיוֶועזִין דֶער קְנַס בַּייא דִיא קַאטוֹילִין פִיר גִילְדִין פַאר אַיין יְהוּדִי) וּבִפְרַט אַז עֶר אִיז אַלֵיין דֶער פִירְסְט, וּמִי יֹאמַר לוֹ מַה תַּעֲשֶׂה? רוּפְט זִיךְ אָפּ שמעון לוי מָארְגִין וֶועל אִיךְ נָאךְ פָארְשְׁטִין וֶועל אִיךְ דִיר מַיין הֶער מְגַלֶה זַיין, עֶר הָאט אִים אָפּ גֶעלָאזִין מִיט גְרוֹיס גֶעבֶּעט, אוּנ עֶר אִיז אַנְטְלָאפִין וִויא אַיין פַייל פוּן בּוֹיגִין, אוּנ הָאט דָאס דֶערצֵיילְט דֶער פִירְסְטִין, דִיא הִיסְטָארְיֶע, אִיז בַּייא זֵייא גֶעבְּלִיבֶּען אַיין עֵצָה אַז זֵייא זָאלִין אַרוֹיס גֵיין פוּן שמעון לוים הוֹיז, אוּנ זֵיי הָאבִּין גֶערוּנְגֶען אַיין קְלֵיינֶע דִירָה אִין דֶער גַאס נָאהִינְט לֶעבִּין שמעון לוין, אוֹיף מָארְגִין אוּנְזֶער

קונץ אונץ איז דא בייא שמעון לוי אין הויז, ער האט אבער קיינעם ניט געפונען, נאר ווייא איז ער ערשטוינט געוואָרין, אז ער האט דערזעהן דורך דעם פענסטער אז עוונעניע קאססעל איז ארויס פון איין אָרימע הויז (נאָהענט בייא דעם מויער פון הגביר ר׳ זבולון אמסטערדאם) אונ גייט גלייך צום שניידער שמעון לוי, ער האט זיך באהאלטין אונטער איין פאַרהאַנג פון בעט, זיא זאל ניט דערזען פון ווייטין, וועט זיא געוויס ניט אריין גיין אין הויז.

עוונעניע קאססעל איז אריין צו שמעון לוין, אונ פרעגט פיליכט איז דא איטעצער גיוועזין פרעגין מיך, זאלט איר בשום אופן ניט זאגן אז מיין דירה איז יעצט בייא סאלימאן לעוו דער יהודי, ווייל זיין וואוינונג איז ניט בעוואוסט, דארום אויב מען וועט ניט ענטדעקין, קאן איך זיך דארטין בעזעצין אויף לאנג, אונ קיין פייגיל וועט ניט וויסען, זיא האט דארטין פארבראכט איינינע סיקונדען, זיא האט גיפרעגט וועגין אירע חפצים, אונ אוועק צו הויזע. קונץ אונץ האט זיך נאכגעקוקט וואו זיא גייט, ביז וואנען ער האט גיזעהען דיא שטעגעלע וואו איר וואוינונג איז, אונ דעם נאמען פון דעם יהודי האט ער פריער פערצייכינט וואו איר סטאנציע הייטע איז.

ער האט ווייא עס איז דערוואַרט דעם אבענד, דער קונץ אונץ זאגט דעם פאטער, ער בעדארף האבין צו איין שניידער, דאס איז שמעון לוי אונ נאך בעלי מלאכות יודישע, דען יעצט איז שוין דיא יהודים דיא בעסטע בעלי מלאכות, פלעגט ער אלס שרייען, ער האט אים ערלויבט, ווייל דער גראף ווייס אז בייא יהודים איז ניטא קיין בעזעס אונ נידערטרעכטיגקייט, ער איז גלייך געקומען צו דר שטעגעלע האט ער גיפרעגט אויף דעם יהודי סאלימאן לעוו, אונ גלייך אריין צו דער גראפיניע, גאט איז מיט אייך! זאגט קונץ אונץ צוא דער מוטר מיט דער טאכטער צוזאמען, וואס טוט איר דא, ליבע אונ טייערע! וואו זייט איר אנטלאפין פון אייער בעסטין פריינד, וואס זוכט איך שוין איינינע טעג? ווארום האט איר פערלאסען טייערע פאלאצין צוא וואוינען אין יודישע געסלאך.

דיא פראגע קאן מען דאך דיר אויך פרעגין ליבער הער! זאגט דיא אלטע פירסטין, ווייא קומסט דוא אהער? איין פראגע איז

פֶערְעַנְטְפֶערְט מִיט דֶער צְוֵוייטֶע, זָאגְט עווגעניע קאססעל מִיט אַיין נִידְרִיגֶע שְׁטִימֶע:

מִיר פֶערְשְׁטֵייעֶן אַלֶע, זָאגְט דֶער יונְגֶער פְּרִינְץ קונץ אונץ, נָאר אַיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ. אַז מֶער זָאלְט אִיר נִיט בַּייטִין אַייעֶר וואהְנונְג. דֶעןְ פוּן מִיר אִיז נִיטָא קַיין בֶּעהָלְטֶענֶעש, זָאגְט קונץ אונץ אונ וֶוען אִיר וֶועט בַּייטִין צֶעהֶען מָאל, וֶועל אִיךְ אַלְס וִויסִין. וָוארוּם אִין טְרוּים (חָלוּם) פוּן נַאכְט עֶנְטְדֶעקְט מֶען מִיר אַלְס. — עֶס אִיז גָאר נִיט אַזוֹ אַיין גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַז מֶען זָאל קְלֶערִין גַאנְצֶע טֶעג, כְּדֵי אִין טְרוּים זָאל זִיךְ בֶּעוַויייזִין פַארְשְׁטֶעלוּנְגֶען וֶועגִין דֶעם, זָאגְט דִי אַלְטֶע פִירְסְטִין.

לִיבֶּע מוּטֶער, אַז דֶער אִידִישֶׁער שְׁנַייְדֶער וָואלְט נִיט עֶנְטְדֶעקִין בַּייא טָאג. וָואלְט זִיךְ נִיט טְרוֹימֶען דֶעם פְּרִינְץ בַּייא נַאכְט, זָאגְט עווגעניע קאסעל. בַּיי דֶעם עֶווִיגִין שְׁוֶוערֶע אִיךְ. אַז עֶר הָאט מִיר נִיט עֶנְטְדֶעקְט! זָאגְט קוּנְץ אוּנְץ.

אִיז נִיט עֶר זֶעלְבְּסְט. נוּר דוּרְךְ זַיין הוֹיז אִיז עֶנְדֶעקְט גִיוָוארִין אוּנְזֶער וואוינוּנְג זָאגְט דִיא אַלְטֶע פִירְסְטִין. מִיר הָאבִּין זִיךְ בֶּעזֶעצְט דָא וַוייל מִיר וֵוייסִין וִויא אוּנְזֶער בֶּעשְׁטַאנְד אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר גְרוֹיס אַרְטִיג. אוּנ וִויא אִיז יֶעצְט אוּנְזֶער בֶּעשְׁטַאנְד. אָרִים אוּנ מוּטְלָאז, דַארוּם קָאן אוּנְזֶער וואוינוּנְג נִיט זַיין אִין אַיין פַּארַאדְנֶע שְׁטְרַאסֶע אִין שְׁטָאט, וַוייל דָארְטִין בֶּעזוּכִין אוּנְז גְרוֹיסֶע לַייט, דָא אִין גֶעטְהֶע וֶועט אוּנְז קֵיינֶער נִיט בֶּעזוּכִין, וֶועלִין מִיר לֶעבִּין וִויא דֶער עֶווִיגֶער וֶועט אוּנְז גֶעבִּין. דַארוּם בִּיטֶע אִיךְ, אַז דוּא לִיבֶּער הֶער, זָאלְסְט נִיט עֶנְטְדֶעקִין אוּנְזֶער וואוינוּנְג בְּשׁוּם אוֹפֶן. זַייט זִיכֶער! זָאגְט קוּנְץ אוּנְץ. אַז עֶס וֶועט נִיט דֶער וואוּסְט וֶוערִין, אוּנ וֶוען אִיךְ וֶועל בְּרֵיינְגִין אֵיינִיגֶע פֶּערְזָאנֶען, זָאלְט אִיר וִויסִין, אַז זֵייא זַיינֶען אָרֶענְטְלִיכֶע גֶעזֶעלִין, מֶען קָאן זִיךְ מִיט זֵייא פֶּערְטְרוֹיעֶן. דֶער וַוייל הָאט קוּנְץ אוּנְץ גִילָאזִין זֵייעֶר טַייעֶרֶע מַתָּנוֹת פִיר דֶער יוּנְגֶע פִירְסְטִין עווגעניע קאסעל אוּנ פִיר דִיא אַלְטֶע הָאט עֶר גִילָאזִין הוּנְדֶערְט טַאלֶער, זִיא זָאל פֶּערְהַאלְטִין בַּייא זִיךְ, אוּנ זִיא מָאג דֶער פוּן נִיצִין וֶוען זִיא בַּאדַארְף.

קוּרְץ פוּן דֶער זַאךְ, קוּנְץ אוּנְץ פְלֶעגְט אִיטֶער קוּמֶען שְׁפִּילִין דָארְטִין אִין קָארְטִין, אוּנ הָאט אַלְס גִיוָואלְט אַז עֶווְגֶענְיֶע זָאל זִיךְ צוּא צִיהֶען צוּא אִים, עֶר זָאל אִיר נֶעמֶען פִיר אַיין פְרוֹיא, נָאר נִיט

אַזוֹ גִיךְ . וִויא מִיט אִיר חָכְמָה הָאט זִיא אִים גִיגֶעבִּין הָאפּוּנְגֶען , נוּר נִיט בֶּעשְׁטִימְט .

ויהי היום , עֶס וַואר אַיין טָאג זָאגְט קוּנץ אוּנץ צוּא זַיין פָּאטֶער . מָארְגִין אִיז בַּייא דִיא יְהוּדִים אַיין פַּייֶער טָאג (יום טוב) אוּנ אִיךְ הָאבּ בֶּעמֶערְקְט אַז זַיי זַיינֶען זֵייעֶר אַיין שֵׁיינֶע פָּאלְג נוּר זַייא זַיינֶען זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ אָרוּם , אִיךְ וִויל פָּארִין אִין גֶעטְהֶע אוּנ צוּא טֵיילִין הוּנְדֶערְט טָאלֶער פִיר דִיא אָרִימֶע , אוּנ דֶער נָאךְ וֶועלִין מִיר אַיין מָאנֶען פוּן דִיא רַייכֶע טָאפִּיל , אוֹיךְ וֶועל אִיךְ זֶעהֶען זֵייעֶר פִירוּנג , אַיין מֶענְטְשׁ בַּאדַארְף אַלְס וִויסִין . זֵייעֶר שֵׁיין זָאגְט דֶער אַלְטֶער גְרַאף . אִיךְ וֶועל דִיר נִיט אָבּ וֶוענְדִין פוּן גוּטֶעס טָאן . נוּר עֶס זָאל נִיט פֶּעלִין אִין קַאסֶע . מִיר וֶועלִין פֶּערְזָאגִין זְבוּלִינֶען דֶעם אִידִישֶׁען גְבִיר , עֶר זָאל אוּנְז אוּיס צֵייכֶענֶען וֶוער אִיז בַּייא זַייא רַייךְ . וֶועלִין מִיר אוּפְמָאנֶען מִיט פְּרִיצֶענְט . שׁוֹין צַייט אַרוּפְלֵייגִין אוֹיף זַיי אַיין גְרוֹיסִין צִינְז (מַס) דֶער זוּן קוּנץ אוּנץ הָאט אַזוֹ גִיטָאן , אוּנ אִיז גְלַייךְ פֶּערְפָארִין צוּא דֶער פִירְסְטִין אוּנ הָאט אָן גִיהוֹיבִּין מִיט דִיא גֶעלְט שְׁפִּילִין אִין קָארְטִין מִיט אַיין גַאנְצִין קָאמְפְּלֶעט , בִּיז עֶר הָאט אִין אַיין קוּרְצֶע צַייט אָן גִיוָוארִין דִיא גַאנְצֶע גֶעלְט בִּיז וַואנֶען אַז דִיא גֶעלְט וָואס עֶר הָאט גִיגֶעבִּין בַּאהַאלְטִין דֶער אַלְטֶע פִירְסְטִין . הָאט עֶר אוֹיךְ וִויא עֶס אִיז פֶּערְשְׁפִּילְט , עֶר אִיז זֵייעֶר פֶּערְשֶׁעמְט גִיוָוארִין פַאר עֶוֶוגֶענְיֶען אוּנ אַלֶע גֶעזֶעלִין , אִיז עֶר אַרוּיס גִילָאפִין בַּיי נַאכְט צוּ ר׳ זבוּלן אמסטערדאם (עֶס אִיז שׁוֹין גִיוֶוען נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט) עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבִּין קְלַאפִּין אִין דִיא פֶענְסְטֶער , בִּיז עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען . אוּנ וִויא עֶר הָאט אִים גִיזָאגְט זַיין נָאמֶען קוּנץ אוּנץ , אִיז עֶר אַלֵיין אַרוֹיס , אוּנ הָאט אִים גִיעֶפִינְט . זָאגְט אוּנְץ , אִיךְ הָאבּ נִיט צַייט , אִין קוּרְצִין גִיט מִיר הוּנְדֶערְט טָאלֶער , אִיךְ וֶועל זַייא אַייךְ אָבּ גֶעבִּין דִיא טֶעג . עֶר הָאט אִים תֵּיכֶף גִיגֶעבִּין מִיט אַיין דַאנְק , אוּנ אִיז אַוֶועק , אִין אַיין קְלֵיינֶע צַייט אַרוּם עֶר קְלַאפְּט וַוייטֶער , עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי ר׳ זְבוּלֶענֶען צוּא לַייעֶן אִים נָאךְ צְוֵוייא הוּנְדֶערְט טָאלֶער , ר׳ זבוּלן הָאט אֲפִילוּ זֵייעֶר נִיט גִיוָואלְט לַיידִין דֶעם עֶסֶק , נוּר וָואס זָאל עֶר טָאן , עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין דִיא סוּמֶע גֶעלְט אוֹיךְ , נוּר אִיךְ בִּיטֶע דִיר לִיבֶּער פִירְסְט , זָאגְט ר׳ זבוּלן אמסטערדאם אַז דוּא זָאלְסְט מֶער נִיט טָאן דָאס , פִילַייכְט וֶועט זִיךְ דֶער וִויסִין דַיין פָּאטֶער , וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבִּין אַיין

אוּנְגְלִיק דֶער פוּן . הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר לִיבֶּער אוּנ הָאכְגֶעשֶׁעצְטֶער פִּירְסְט אוּנְד אוֹיף דַיין עֶהְרֶע , דֶען דוּא בִּינְסְט דָאךְ דֶער נָאסְלֶעדְנִיק פוּן אוּנְזֶער גְרַאף , דַיין פָּאטֶער — דֶער עֶווִיגֶער זָאל אִים דֶער לֵייגֶגעדִין דִיא יָארִין — פַּאסְט נִיט פִיר אַזוֹ אַיין גְרוֹיסֶע פֶּערְזָאן , טָאן אַזֶעלְכֶע דוֹמְהַייט , קָארְטִין אִיז אַיין מַאגִינֶעט , עֶס קָאן דֶעם רַייכְסְטִין מַאן אוּנְגְלִיקְלִיךְ מַאכִין , קוּנְץ אוּנְץ הָאט גָאר נִיט גִיוָואלְט הֶערִין דִיא טַייֶערֶע רֵייד , אוּנ וִויא אַיין פַייל פוּן בּוֹיגִין אִיז עֶר אַנְטְלָאפִין , אוּנ הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילִין גָאר אוֹיף דָאס נַייא אוּנ הָאט אָב גִיוואוּנֶען פִיל גֶעלְט . אוּנ אִיז זַייעֶר פְרֵיילִיךְ , נוּר נִיט אוֹיף לַאנְג אִיז גִיוֶועזִין זַיין פְרֵיידֶע , דֶען דֶער גְלִיק וָואס הָאט אִים אָן גִיהוֹיבִּין ווַייזִין זַיינֶע לִיכְטִיגֶע שְׁטְרַאלִין , אִיז בַּאלְד פִינְסְטֶער גִיוָוארִין , אִין אַיין קוּרְצֶע צַייט הָאט עֶר דָאס אַלְס פֶערְלָארִין , בִּיז עֶר אִיז גִיוָוארִין צוּא מִשְׁפָּט פוּן שַׁאנְדֶע אוּנ רַאכֶע (נְקָמָה) , עֶוּוֶענְיֶע מִיט דֶר מוּטֶער הָאבִּין אִים גִימַאכְט לוּסְטִיג , אוּנ הָאבִּין אִים גִיבֶּעטִין עֶר זָאל שׁוֹין פָארִין צוּא הוֹיז , דֶער פָּאטֶער זָאל נִיט הָאבִּין קִימֶער אוּנ שְׁמֶערְץ דֶער פוּן , נָאךְ אַיין מָאל מוּז אִיךְ פְּרוּבִּין מַזָל זָאגְט קוּנְץ אוּנְץ , אִיךְ וֶועל נָאךְ אַיין שְׁפִּיל טָאן , וואוּ וֶועסְטוּ יֶעצְט קְרִיגִין גֶעלְט ? פְרֶעגִין אִים זַיינֶע גֶעזֶעלִין מִיט אַיין שְׁמֵייכִיל , וֶוער וֶועט דָאס דִיר גִיטְרוֹיֶען ? מִיר אִיז אָפִּין אַלֶע קַאנְטָארִין אֲפִילוּ אִין מִיטִין נַאכְט , פִיר מַיין פְּרִיקַאז צִיטֶערִין אַלֶע ! קוּנְץ אוּנְץ אִיז מִיט גְרוֹיס סְטָאלְץ אַוֶועק צוּ ר׳ זבולן , אוּנ קְלַאפְּט מִיט אִינְפֶּעט , עֶפִינְט ! עֶפִינְט ! אוּנ ר׳ זבולן הָאט שׁוֹין פַאר זָאגְט מֶען זָאל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט עֶנְטְפֶערִין , וָוארוּם עֶר קָאן נָאךְ הָאבִּין אַיין אוּנְגְלִיק פוּן קְנַאז (קוּנְצְס פָאטֶר) פוּן שְׁטָאט , אוּנ דִיא גֶעלְט אִיז אוֹיךְ פֶערְפַאלִין , קוּנְץ אוּנְץ הָאט גִיקְלַאפְּט אָן אוֹיפְהֶערוּנְג , בִּיז וַואנֶען עֶס הָאט אָן גִיהוֹיבִּין אַיין גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם , אוּנ אַיין רֶעגִין הָאט אָן גִיהוֹיבִּין פְלֵייצִין , זַייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ , דוּא עֶפִינְסְט פֶערְפְלוּכְטֶער יוּדַאשׁ הָאט עֶר גִיגֶעבִּין אַיין שְׁרֶעקְלִיכִין גִישְׁרֵייא , עֶר הָאט אִים גִיעֶפִינְט , וָואס ווִילְסְטוּ לִיבֶּער הֶער וָואס דוּא צוּא שְׁטוּרֶעמְסְט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ , אִיךְ בַּאדַארְף נָאךְ גֶעלְט זָאגְט קוּנְץ אוּנְץ : נַיין ! מֶער וֶועל אִיךְ דִיר נִיט גֶעבִּין , מָאגְסְט טָאן מִיט מִיר וָואס דוּא ווִילְסְט . אוֹיבּ יֶע אַזוֹא זָאלְסְטוּ ווִיסִין זַיין , פֶערְשְׁמוּצְטֶער יְהוּדִי , וִויא עֶס אִיז אַיין מָאל אָנְגִישְׁטַאנֶען אוֹיף אַייךְ הָמָן בֶּן הַמְדָתָא , אַזוֹי וֶועל אִיךְ אוֹיף אַייךְ

אופשטיין, עס וועט פון אייך גאר גיט בלייבן איין שריד ופליט. יא רופט זיך אפ ר' זבולן, דוא וועסט זיין גלייך וויא המן, וויא ער האט גיהאט איין פינסטערע מפלה, אזו וועסטו אויך האבין ליבר הער, אונ אידין וועלין בלייבן אידין, מיט גאטעס הילף, קונץ אונץ האט גיגעבין איין קלאפ אן טיר אונ איז אנטלאפין גלייך צוא הויזע, ער האט זיך גישעמט קומען צוא עוועגען.

בימים ההם אין דער צייט איז פראנקפורט גיוועזין זייער איין ארענטליכע געמיינדע, אין איר האט זיך שטענדיק גיפונען די גרעסטע רבנים, גאונים אונ צדיקים, דען אין איר זיינען בעוואוסט דיא גרעסטע גאונים פון דער וועלט, דער כבוד התורה הקדושה איז גיוועזין זייער גרוים, דען זייא האבין בעמערקט אז בזכות התורה לעבין זייא ווען ניט וואלט שוין לאנג פון אידין קיין שריד ופליט גיבליבין, אין דר צייט איז דארטין גיוועזין רב איין גאון עולם עס האט גיקלונגען מיט אים דיא וועלט, דיא פירונג איז גיוועזין אין דער צייט, אז יעדער רב וואס ער איז גיוועזין אלט זקן ושבע ימים, פלעגט ער זאגין צוא דער עדה הקדושה וועמען זאל מען גיטען פאר איין רב ממלא מקומו זיין. ויהי היום דער רב פון פראנקפורט איז קראנק גיווארין, זייער שטארק, מען האט אין שטאט גימאכט איין רעש מען האט פיר אים מתפלל גיוועזין אין אלע שולין אונ בתי מדרשים, נאר ער האט פאר רופין אלע גרעסטע לייט פון שטאט, אונ האט זייא אזוא גיזאגט: הערט צוא מורי ורבותי איך מוז שטארבין פון דער קריינק דען פיל געטליכע בעווייזונג האב איך אויף דעם אז איך קאן זיך ניט פערזאמען אויף דער וועלט נור 2 טעג, ניט איין זעקונדע מער, עס איז אלעס מיט חשבון, מיט איין רעכענונג, נור אייך בעט איך מורי ורבותי, איר זאלט זיך אן מיר ניט פערגעסין, אין דער היילינגע וועג וואס איך האב אייך גיפירט, זאלט איר גיין, איר זאלט דינען גאט ב"ה מיטין גאנצין הארצין, ווארום ער איז אונזער לעבין, אונ היינט הגם מיר זיינען זינדיג, טוט ער מיט אונז נסים ונפלאות פערבארגענע, ער האט מיט אונז גיטאן חסדים פון אייביג אונ היינט אויך, נאר מען בעדארף פערשטיין וואו מיר האלטין, דער מענטש וואס האט נור פערשטאנד, ווייס ער וויא צוא דאנקען להבורא יתברך שמו, איר זאלט דער הויפט לעבין שלום איינער מיט דיא

אַנְדֶערֶע, איר זָאלְט נָאר הָאבִּין בִּטָחוֹן אָן הַשִּׁי"ת וָועט עֶר אַלֶעמָען שְׁפַּייזִין אָן צַער, אונ וָואס מֶער מֶען קְרִיגְט זִיךְ פִיר פַּרְנָסָה (אונ דֶער פון אִיז אַלֶע שִׂנְאַת חִנָּם) אִיז אַלְס עֶרְגֶער, נוּר מִיט בִּטָחוֹן אונ הָאפוּנג בַּאדַארְף מֶען לֶעבִּין, גַם זָאלְט איר זֶעהֶען דֶערְצִיֶען קִינְדֶער נוּר אִין דֶער דֶרֶךְ הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה פון יוּגֶענְט אָן, איר זָאלְט זַייא גֶעבִּין לֶערְנֶען תנ"ך, גְמָרָא הַקְדוֹשָׁה. וָוארוּם דָאס אִידִישׁ קִינְד וָואס לֶערִינְט נִיט גְמָרָא, אִיז עֶר אַיין אִישׁ בַּער כָּל יָמָיו, דָאס הֵייסְט אַיין אוּנְוִויסֶענְדֶער מֶענְטְשׁ, בַּיי דָאס קִינְד וָוערְט זַייעֶר נִיךְ פַּארְלָאשִׁין דֶער פוּנְק פוּן אִידֶעשַׁקֵייט, וָוארוּם דִיא גְמָרָא גִיט אַיין קִינְד עֵצָה וְתוּשִׁיָה דָאס הֵייסְט רַאט אונ לֶערְנוּנג אונ שַׁארְפְזִינִיגְקֵייט, עֶר ווֵייס וִויא צוּא דִינֶען גָאט ב"ה, אונ וִויא שֶׁעצִין עֶלְטֶערִין, אונ פִירְט זִיךְ אוֹיף אֶרֶענְטְלִיךְ מִיט גָאט אונ לַייטִין, הַגַם אִיךְ הָאבּ אַייךְ עֶרְקְלֶערְט אִין מַיינֶע דְרָשׁוֹת אַז מֶען בֶּעדַארְף צוּא לֶערְנֶען אַיין קִינְד שְׂפַת הַמְדִינָה, דָאס הֵייסְט דִיא שְׁפְּרַאךְ פוּן דֶער מְדִינָה וואוּ מֶען וַויינְט נָאר דֶער עִיקָר אִיז פְרִיעֶר פֶּערְפְלַאנְצִין אִין זֵייא הֵיילִיגֶע פְלַאנְצוּנג אֱמוּנָה, תּוֹרָה אונ יִרְאַת שָׁמַיִם, אונ דֶער נָאךְ לֶערְנֶען זַייא אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ, וִויא שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט, רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה' (משלי א') עֶר אִיז דָאךְ גִיוֶועזִין דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר אִים אִיז נִיט גִיוֶועזִין זַיין גְלַייכִין, אונ נָאךְ אִים וֶועט נִיט זַיין, הָאט עֶר גִיזָאגְט אַז דִיא עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז נָאר יִרְאַת ה', גָאטֶעס פוּרְכְט זָאל מֶען לֶערְנֶען פְרִיעֶר וִויא אַלְס, פְרִיעֶר וִויא אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת, אַזוֹ הָאט דָער רָב גִיזָאגְט מִיט גְרוֹיס גַייסְט, אָבְּוָואהְל עֶר אִיז גִיוֶועזִין שְׁטַארְק קְרַאנְק, נוּר דִיא רֶעדֶע הָאט אִים עֶרְוֶועקְט אונ הָאט אִים מְחַיֶה גִיוֶועזִין,

רֶבִּי רֶבִּי! הָאבִּין זֵייא אָן גִיהוֹיבִּין צוּא שְׁרַייעֶן, מִיר וֶועלִין אַנְדֶערְשׁ נִיט טָאן וִויא אִיר פַּארְזָאגְט אוּנְז, נוּר זַייט אוּנְז מוֹחֵל, פִילַייכְט הָאבִּין מִיר קֶענִין אַייךְ גִיזִינְדִיגְט, הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִילַייכְט הָאבִּין מִיר אַייךְ נִיט אָבּ גִיגֶעבִּין אַייעֶר כָּבוֹד וִויא אַייךְ קוּמְט. אִיךְ בִּין אַייךְ אַלְס מוֹחֵל אונ הַשִּׁי"ת זָאל אַייךְ אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלְס, נוּר אִיר זָאלְט מְקַבֵּל זַיין צוּא פָאלְגִין אַלְס וִויא אִיךְ הָאבּ אַייךְ גִילֶערִינְט. זַייט גִיזוּנְד מוֹרַי וְרַבּוֹתַי, אִיךְ גֵייא שׁוֹין בְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, זֵייא הָאבִּין שְׁרֶעקְלִיךְ אָן גִיהוֹיבִּין וַויינֶען אונ שְׁרַייעֶן פָּאטֶער פָּאטֶער! רֶבִּי רֶבִּי! אִין דֶעם גֵייעֶן אוּנְטֶער דִיא גְרֶעסְטֶע לַייט פוּן שְׁטָאט, אונ פְרֶעגִין

הֵיילִיגֶער רֶבִּי ! ווֶעמֶען הֵייסְט אִיר מַאכִין פִיר אַיין רָב , מִמְּלָא מְקוֹמְכֶם זַיין , הַשֵׁי"ת ווייס וואס עֶס ווֶעט זיך אויך טְרֶעפִין מִיט אִים ; הָאט דֶער רָב אַיין קְרֶעכְץ גִיטָאן מִיט גְרוֹיס גִיוויין , ר' קַאשְׁמַאן דֶער נֶעלָם , דֶער גֶעטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ . . . אונ הָאט נִיט גִיקָאנְצֶעט דִיא הַייך פון גְרוֹיס קוּמֶער אונ הָאט גִיגֶעבִּין אַיין גִישְׁרֵייא שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד , הָאבִּין דִיא ווֶענְט גִיצִיטֶערְט , דֶער עוֹלָם זַיינֶען דֶער שְׁרָאקִין גִיוואָרִין , אונ מִיט דֶעם וָוארְט אֶחָד אִיז אַרוֹיס דִיא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה , צוּא דֶעם אָרְט וואו זִיא אִיז גִינוּמֶען גִיוואָרִין .

אִין פְרַאנְקְפוּרְט אִיז גִיווֶעזִין דֶער טָאג פון זַיין שְׁטַארְבִּין ווִיא חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ , דֶען לְבַד וָואס עֶר אִיז גִיוָועזִין אַיין גְרוֹיסֶער חָכָם , עֶר הָאט גִיפִירְט דֶעם נַארָאד מִיט גְרוֹיס קְלוּגְשַׁאפְט , עֶר הָאט גִינֶעבִּין הַשְׁגָחָה אויף אַלֶע אִידִישֶׁע פִּירוּנְגֶען , מֶען זָאל הִיטִין אוּנְזֶער הֵיילִיגִין רֶעלִיגִיאָן ווִיא דִיא אוֹיגְאַפֶּעל , גַם הָאט עֶר גִיזֶעהֶען עֶס זָאל נִיט זַיין קַיין מַחֲלוֹקֶת צְווִישִׁין אִידִין , אונ דֶער גְבִיר זָאל נִיט דְרִיקִין דֶעם אָרוּמַאן , גַם זָאל נִיט זַיין קַיין פַאלְשֶׁע וָואג אונ מָאס . קֵיינֶער זָאל נִיט מַסִיג גְבוּל זַיין דֶעם צְווֵייטִין , דֶער כְּבוֹד הַתוֹרָה זָאל זַיין זֵייעֶר גְרוֹיס בַּייא דִיא יְהוּדִים , דֶער כְּלָל אִיז אַלֶע הָאבִּין גִימֵיינְט נָאר אָן בְּרֶעג , דֶען יֶעדֶער הָאט גִיפִילְט ווִיא עֶר פֶּעלְט יֶעצְט , צֶעהֶען רַבָּנִים , גְאוֹנִים , דַרְשָׁנִים , זַיינֶען אויף גִיפָארִין פון אַלֶע שְׁטֶעט מַסְפִּיד זַיין אִים . בִּקִיצוּר , אַזוֹא אַיין כָּבוֹד ווִיא מֶען הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין , אִיז נָאר זֶעלְטִין אויף דֶער וָועלְט , אַיין חוֹדֶשׁ נָאךְ אַנַאנְדֶ׳ הָאט מֶען אִים אַלְם מַסְפִּיד גִיוָועזִין אִין אַלֶע שׁוּלִין אונ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים , גַם אויף דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט , וואו עֶס אִיז נָאר גִיקוּמֶען דִיא בְּשׂוֹרָה פון זַיין טוֹיט הָאט מֶען אַלְם מַסְפִּיד גִיוָועזִין אִים , ווִיא עֶס פַּאסְט פִיר אַזוֹ אַיין גָאוֹן עוֹלָם .

עֶס אִיז אַרִיבֶּר דִי דְרַייסִיג טֶעג , הָאבִּין אָן גִיהוֹיבִּין דִיא גְרֶעסְטֶע לַייט פון שְׁטָאט קְלֶערִין וֶועגִין דֶעם ר' קַאשְׁמַאן דֶער נֶעלָם , ווָארוּם דֶער רָב הָאט נִיט גִיזָאגְט וואו אונ וָואס ? בִּיסְלַאךְ וַויים הָאט זִיךְ דֶער וֶועקְט , דֶער גֶעפִיל אִין אַלֶע יְהוּדִים פון פְרַאנְקְפוּרְט , מֶען זָאל אָן הוֹיבִּין חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זַיין אויף אִים , בִּיז עֶס אִיז גִיבְּלִיבִּין אַיין פְּלַאן בַּייא דִיא גְדוֹלֵי הָעִיר , מֶען זָאל אַרוֹיס שִׁיקִין צְווֵייא גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי

חֲכָמִים, גְרוֹיסֶע מוּפְלָגִים אוּנ קְלוּגֶע מֶענְטְשִׁין, זַייא זָאלִין פָּאֲרִין זוּכִין אַיין גְרוֹיסִין גָאוֹן מִיט דֶעם נָאמֶען ר׳ קַאשְׁמַאן דֶער נֶעלָם, גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאוֹת הָאט מֶען זַייא גִיגֶעבִּין מִיט בְּרִיף צוּא אַלֶע רַבָּנִים אַז זַייא גִיבִּין עֶרְלוֹיבּוּנְג (רְשׁוּת) צוּא דִיא צְוֵוייא גְרוֹיסֶע לַייט, צוּא נֶעמֶען אַיין רָב נָאךְ זַייעֶר פֶּערְשְׁטַאנְד וִויא זַייא וֶועלִין בֶּעשְׁלִיסִין אַזוֹ זַיינֶען אַלֶע פוּן פְרַאנְקְפוּרְט מַסְכִּים. אוּנ דִיא גִיהַאלְט וִויא פִיל זַייא וֶועלִין צוּא זָאגִין אַזוֹ וֶועט נִיט פֶעלִין אֲפִילוּ אַיין פְּרוּטָה אַחַת, נָאר דֶער רָב זָאל זַיין מִיט דֶעם נָאמֶען ר׳ קַאשְׁמַאן, דִיא צְוֵוייא וִויכְטִיגֶע שְׁלוּחִים פוּן פְרַאנְקְפוּרְט זַיינֶען דוּרְךְ גִיפָארִין מֵעִיר לְעִיר וּמִמְּדִינָה לִמְדִינָה, אוּנ הָאבִּין נִיט גִיפוּנֶען דֶעם מֶענְטְשִׁין וָואס זַייא זוּכִין, זַייא הָאבִּין אַלֶע רַבָּנִים אָן גִיבֶּעטִין פִילַייכְט וֶועלִין זַייא עֶטְוָואס וִויסִין זָאלִין זַייא מוֹדִיעַ זַיין קַיין פְרַאנְקְפוּרְט אוֹיף דֶעם אַדְרֶעסֶע פוּן הַגְּבִיר ר׳ זְבוּלוּן אַמְשְׁטֶערְדַאם, אַלֶע רַבָּנִים אוּנ גְאוֹנִים הָאבִּין זַייא מַבְטִיחַ גִיוֶועזִין, אַז אוֹיבּ זַייא וֶועלִין נָאר וִויסִין עֶטְוָואס וֶועלִין זַייא גִיוִויס מוֹדִיעַ זַיין.

זַייא זַיינֶען גִיקוּמֶען קַיין פְרַאנְקְפוּרְט מִיט לֵיידִיגִין, עֶס אִיז גִיוֶועזִין אַיין אוּמֶעט אִין שְׁטָאט. נָאר וָואס קֶען דָאס הֶעלְפִין, דֶער וַוייל הָאבִּין זַייא אוֹיפְגִינוּמֶען עֶטְלִיכֶע מוֹרֶה הוֹרָאוֹת גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ צַדִיקִים, אוּנ הָאבִּין גִיוַוארְט בִּיז וַואנֶען עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערִין דִיא הֵיילִיגֶע צַוָואָה פוּן דֶעם גָאוֹן. אַזוֹ אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה יָאר, בִּיז פְּלוּצְלוּנְג אִיז גִיקוּמֶען אַיין בְּרִיף פוּן לֶעמְבֶּערְגֶער רָב (אוֹיךְ אַיין גָאוֹן עוֹלָם) צוּ הגביר ר׳ זבולון אמשטערדאם אִין דֶר פִירְמֶע פוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע לַייט פוּן פְרַאנְקְפוּרְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: הֱיוֹת וִויא אִיר הָאט מִיר גִיבֶּעטִין אִיךְ זָאל חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זַיין אַיין גְרוֹיסִין מֶענְטְשִׁין וָואס הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען ר׳ קַאשְׁמַאן דֶער נֶעלָם, עֶר זָאל זַיין רָב בַּייא אַייךְ הֵיילִיגֶע גְעמֵיינְדֶע פְרַאנְקְפוּרְט עַל כֵּן לִיגְט אוֹיף מִיר אַיין חוֹב קָדוֹשׁ צוּא מוֹדִיעַ זַיין אַייךְ מוֹרַי וְרַבּוֹתַי, אַז דוּרְךְ אַיין סִבָּה הָאבּ אִיךְ דֶער גַאנְגֶען אַיין מֶענְטְשׁ מִיט דֶעם נָאמֶען אוּנ מִיר דוּכְט אַז עֶר אִיז אַיין גֶעטְלִיכֶער מַאן קָדוֹשׁ וְנוֹרָא. אִיךְ בִּין גִיפָארִין אִין אַיין דְבַר מִצְוָה פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים קַיין קְרָאקָא, בִּין אִיךְ דוּרְךְ גִיפָארִין אַיין קְלֵיין דָארְף צֶעהֶען מַייל פוּן לֶעמְבֶּערְג, נָאהֶענְט לֶעבִּין אַיין וַואלְד מִיט דֶעם אוּנ דֶעם נָאמֶען, וֵוויינְט דָארְטִין אַיין יִשׁוּבְנִיק הָאבּ אִיךְ דָארְטִין גִינֶעכְטִיגְט דוּרְךְ אַיין סִבָּה בְּחוֹדֶשׁ טֵבֵת, הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶען פוּן אִים אִין אַיין חֶדֶר לִפְנִים מֵחֶדֶר אִין מִיטִין

נאכט שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכֶן אונ נִפְלָאוֹת גְדוֹלוֹת, וְויא אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּן בֶּעטִיל אוֹיף וֶועקִין מַיין מְשָׁרֵת וַויינִין אִים, (ווָארוּם אוֹיף מִיר אִיז גִיפַאלִין אַיין אֵימָה וָפַחַד) אִיז פְּלוּצְלוּנְג נֶעלָם גִיוָוארִין דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע מַרְאֶה, אוֹיף דֶעם פַּאפִּיר טָאר מֶען נִיט, אונ מֶען קָאן נִיט מְגַלֶה זַיין (נוּר אַז הַשִׁי"ת וֶועט אייךְ בְּרֵיינְגֶען לְשָׁלוֹם צוּא מִיר, וֶועל אִיךְ אַיךְ עֶטְווָאס עֶנְטְדֶעקִין), אוּנ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גִימַאטֶערְט אוֹיף מָארְגִין צוּא דֶער גַיין עֶטְווָאס פוּן אִים, אָבֶּער עֶס אִיז אוּנְמִיגְלִיךְ גִוֶועזִין עֶר אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ פֶּערְבָּארְגִין. גַם פוּן זַיין גַאנְצֶע הויז גִיזִינְד הָאבּ אִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גִיקָאנְט דֶער גַיין קַיין זַאךְ, בִּיז אִיךְ בִּין גִיוֶועזִין זַייעֶר גִיהַיילְט צוּ פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, וְויא אִיךְ בִּין אָפּ גִיפָארִין בְּעֶרֶךְ דְרַייא מַייל פוּן דֶעם יִשׁוּבְנִיק, הָאבּ אִיךְ בֶּעגֶעגִינְט אַיין אָרִימֶען יְהוּדִי טְרָאגְט אַיין בְּרִיף גַיים אוּנ לַייעֶנְט דֶעם אַדְרֶעסֶע, אונ זָעט נָאר נִיט וְוי מִיר פָּארִין, אִיךְ זָאג צוּם מְשָׁרֵת גַייא פְּרֶעג פוּן דֶעם יְהוּדִי וֶוער אִיז עֶר, אוּנ וואוּ עֶר רַייזְט? פִּילַייכְט בַּאדַארְף עֶר עֶטְווָאס? עֶר אִיז אוּנְטֶער גִיגַאנְגֶן זֶעהֶט עֶר אַז אוֹיף דֶעם אַדְרֶעס שְׁטֵייט בְּזֶה הַלָשׁוֹן: להרב החסיד איש אלקים מוצנע ומכוסה מבני אדם, המקובל הגאון והאלוף, מרנא ורבנא קאשמאן יצ"ו, (אִיבֶּער זֶעצִין דֶעם טִיטוּל, אִיז מֶען נִיט אִין שְׁטַאנְד וְויא גְרוֹיס עֶר אִיז) דֶער יְהוּדִי הָאט דָר זֶעהֶען אַז דֶער מְשָׁרֵת הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין לֶעזֶען, אִיז עֶר אוּפְגִיצִיטֶערְט גִיוָוארִין, אוּנ הָאט צוּא גִיחַאפְּט דֶעם בְּרִיף, וואוּ טְרָאגְט אִיר דֶעם בְּרִיף פְּרֶעגְט דֶער מְשָׁרֵת. אִיךְ טְרָאג אִים צוּא אַיין יִשׁוּבְנִיק, דֶער וַוייל בִּין אִיךְ אָרָאפּ פוּן וָואגִין פְּרֶעג אִיךְ אִים וְויא רוּפְט מֶען דֶעם יִשׁוּבְנִיק וָואס מִיר פָּארִין פוּן אִים, קאשמאן אִיז זַיין נָאמֶען, עֶר קָאן עֶפֶּעס לֶערְנֶען? דָאס קָאן אִיךְ אַיךְ נִיט זָאגִין, פוּן וֶועמֶען טְרָאגְט אִיר דֶעם בְּרִיף? דָאס וֶועל אִיךְ אַיךְ אוֹיךְ נִיט זָאגִין, דֶען אִיךְ הָאבּ נִיט רְשׁוּת צוּא מְגַלֶה זַיין, אִיךְ הָאבּ אִים זַייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ גִיבֶּעטִין אוּנ אִיךְ הָאבּ אִים גִיזָאגְט אַז אִיךְ בִּין לֶעמְבֶּערְגֶער רָב, אוּנ עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט אוֹיס גִיזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיר מַשְׁבִּיעַ זַיין. זָאגְט עֶר אַיין שְׁבוּעָה אִיז נִיט חָל אוֹיף אַיין שְׁבוּעָה, אִיךְ בִּין שׁוֹין לַאנְג אַיין מוּשְׁבָּע אִיךְ זָאל נִיט עֶנְטְדֶעקִין, נוּר פוּן דִיא וָואס זַיינֶען שׁוֹין לַאנְג גִישְׁטָארְבִּין קֶען אִיךְ יֶע מְגַלֶה זַיין, דֶער רָב פוּן פְרַאנְקְפוּרְט דְמַיין, גַם דֶער רָב פוּן פּוֹיזְנָא, פְּלֶעגִין אִים שִׁיקִין בְּרִיף אונ אִיךְ פְלֶעג זַייא בְּרֵיינְגֶען בְּרִיף פוּן יִשׁוּבְנִיק, וָואס אונ וֶוען קָאן אִיךְ נִיט זָאגִין, פוּן דֶער מַעֲשֶׂה מוֹרַי

וְרַבּוֹתַי, הָאבּ אִיךְ דֶער גַאנגֶען אַז מֶען רוּפְט אִים ר׳ קאשמאן, אוּנ אַז אַייֶער רַב הגאון זכרונו לברכה פְּלֶעגְט זִיךְ מִיט אִים שְׁרַייבִּין עַל בֵּן זָאלְט אִיר אִין דֶעם נִיט שְׁווַייגִין, אוּנ פָארִין לְמָקוֹם פְּלוֹנִי וּפְלוֹנִי, מִיר דוּכְט אַז עֶר אִיז דָאס גִיווִיס, אוּנ השי״ת זָאל אַייךְ פִירִין בְּדֶרֶךְ אֱמֶת, אַזוֵי הָאט אַרַיין גִישְׁרִיבִּין דֶער לֶעמְבֶּערְגֶער רָב אַיין בְּרִיף קַיין פְרַאנְקְפוּרְט.

דִיא רָאשֵׁי הָעִיר הָאבִּין אִיבֶּער גִירֶעט מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע גְבִירִים אוּנ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוּנ עֶס אִיז גִיבְּלִיבִּין אַיין פְּלַאן, אַז מֶען זָאל שִׁיקִין דֶעם צְווַייטִין מָאל, דִיא פָארִיגֶע צְווַייא שְׁלוּחִים, מוּפְלָגִים אוּנ צַדִיקִים זַייא זָאלִין פָארִין צוּם יֶענֶעם אָרְט וואוּ דֶער לֶעמְבֶּערְגֶער רָב הָאט זַייא גִישְׁרִיבִּין, עֶס הָאט גִידוֹיעֶרְט אַלַאנְגֶע צַייט בִּיז זַייא זַיינֶען גִיקוּמֶען, ווִיא זַייא זַיינֶען אַרַיין אִין דֶער הוֹיז פוּן דֶעם יַשׁוּבְנִיק, זַיינֶען זַייא עֶרְשְׁטוֹינֶען גִיוָוארִין, זַייא הָאבִּין גִיזָעהֶן אַיין הוֹיכִין מֶענְטְשִׁין מִשִּׁכְמוֹ וָמַעְלָה גָבוֹהַּ מִכָּל הָעָם דָאס הַייסְט פוּן שׁוּלְטֶער (אַקְסִיל) אוּנ ווַייטֶער אִיז עֶר הֶעכֶער ווִיא אַלֶע מֶענְטְשִׁין, דֶער פָּנִים אִיז זַייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶס פַאלְט אַיין פַּחַד צוּא זֶעהֶען אִים, דֶר שְׁטֶערִין אִיז אִיבֶּערִין גַאנְצִין קָאפּ, דִיא אוֹיגִין שַׁיינֶען ווִיא צְווַייא לִיכְטִיגֶע שְׁטֶערִין פוּן הִימִיל, עֶר גֵייט גִיקְלַיידֶעט אִין אַשֶׁערְמִיגֶע אַיין אַלְטֶע, פֶערְגַארְטִילְט מִיט אַפֶּעלֶענֶעם גַארְטִיל, אוֹיף דִי פִּיס גֵייט עֶר מִיט אַלְטֶע רַאגָאזֶעס פֶערְבּוּנְדִין, אוּנ אַיין גַאנְצִין טָאג אִיז עֶר אִין וַואלְד, ווָאס אִיז נָאהִינְט בַּיי זַיין הוֹיז, נוּר בַּיי נַאכְט אִיז עֶר צוּ הוֹיזֶע, אִין פְּרִיא מָארְגִין אִיז עֶר בַּאלְד אַוֶועק, דִי ווַייבּ לֶעבְּט נוּר ווָאס זִיא קְלַייבְּט הָאלְץ אִין וַואלְד, אוּנ שְׁווֶעמְלִיךְ צוּם פַאר קוֹיפִין, גַם אָפְט טְרֶעפְט אַיין אוֹרֵחַ אוֹיף נֶעכְטִיגִין, בֶּעצָאלְט מֶען אִיר זַייעֶר עֶרְלִיךְ, דֶר פוּן אִיז גִיוֶועזִין זַייעֶר הַיוּנָה, זַייא הָאבִּין גִיוַוארְט בִּיז נַאכְט עֶר אִיז גִיקוּמֶן, זַיי הָאבִּין אָנְגִיפַאנְגֶען רֵיידִין מִיט אִים עֶר עֶנְטְפֶערְט פָּאלִיצֶע, ווִיא עֶר ווָאלְט נִיט פֶערְשְׁטֵיין ווָאס מֶען רֶעט מִיט אִים, זַייא זָאגִין דֶר לֶעמְבֶּערְגֶער רָב הָאט פַּרְזָאגְט מֶען קָאן אַייךְ נֶעמֶן פִיר אַרְב, עֶר קוּקְט זִיךְ אַיין אִין דִי אוֹיגְן, לֶעמְבֶּערְג! ווָאס ווֶען לֶעמְבֶּערְג! אוּנ מֶען קֶען פוּן אִים נִיט אוֹיס צִיעֶן אַווָארְט, מִיר פֶערְלַאנְגֶען אִיר זָאלְט זַיין בַּיי אוּנְז רָב פַּסְקֶען שַׁאֲלוֹת, שַׁאֲלוֹת מַעֲלוֹת! רֶעט עֶר צוּא זִיךְ ווָאס ווִילְט אִיר פוּן מִיר, הָאט עֶר זַיי גִיעֶנְטְפֶערְט שְׁטִילֶערְהֵייט, זַייא הָאבִּין קַיין תְּשׁוּבָה פוּן אִים נִיט, זַיינֶען זַייא צוּמִישְׁט גִיווָארִין, מָארְגִין פְרִיא אִיז עֶר

ווייטער אוועק אויף אנאנציגן טאג , האבין זיי זיך בעטראכט צו נעמען אים מיט גוטע רייד , ביא נאכט וויא ער איז גיקומען פון פעלד האבין זיי אנגיהויבין צוא וויינען , מיר פארין אזא מרחק רב שוין צוויי מאל אונ בפרט הגאון פון פראנקפורט האט פארזאגט אין זיין צוואה אז מען זאל נאר אייך נעמן פר ארב , וויא ער האט דערהערט דעם נאמן פראנקפורטער גאון , איז ער וויא צומישט גיווארין אונ האט גאר ניט גיענטפערט , זייא האבין אים כמעט מיט גוואלד גינומן אונ האבין אים ארין גיזעצט אין פראכט וואגין , אונ זיינען מיט אים אוועק גיפארין זייער שנעל , עס איז אומעגליך צוא בעשרייבין די שמחה וואס זיי האבין גיהאט אז זיי האבין שוין ר׳ קאשמאנען אויפין וואגין , בקיצור זייא זיינען גיפארין זייער גיך אז אין איין טאג זיינען זייא אבגעפארין פופצען מייל , זייא האבין אגאנצע וועג פון אים ניט גיהערט אוואורט תורה , זיי זאגין פר אים תורה ער ענטפערט גאר ניט , ווען זייא האבין שטארק גיבעטין רבי זאגט תורה , פלעגט ער ענטפערין תורה , מורה , ניט מער , זייא זיינען שוין גיקומען אהאלב מייל פון פראנקפורט , איז דער שטייגער גיוועזן , אז עס פלעגט אן קומען אנייער רב , פלעגין ארויס אלע גרעסטע לייט אנטקעגין מקבל פנים זיין , דארטין פלעגט דער רב זאגין אדרשה אונ מען פלעגט מאכין ליטונאציעס אין שטאט , אזוי האט מען דא אויך גיטאן , וויא דיא גדולים פון פראנקפורט זיינען גיקומען האבין זיי זיך דערשראקין פון זיין בליק פון זיין גאנג , ער האט קיין מויל ניט גיעפינט , דיא פליאה איז ביי זייא רעכט גיווארין דען מען רופט אים דער נעלם , פילייכט וועט ער נתגלה ווערין . בקצור מען האט אים גיבראכט אין אשיינעם וואונונג וואס עס איז גיוועזן פאר פראנקפורטער רבנים , דיא גרויסע תלמידי חכמים האבין אים כל הכבוד גיגעבין , אונ זיין פחד איז גיפאלין אויף אלעמען , פר זיין בליק פלעגין אלע ציטערין , אלע האבין גירעכינט אז ער וועט זיך בעזעצין אין שטאט וועט ער זיך בעווייזין וויא גרויס ער איז , נאר יעצט איז זייער האפונג צוא ניסט גיווארין , דען ער האט זיך אלם אזוי גיפירט , מען פלעגט קומען פרעגין ביי אים אשאלה פלעגט ער ענטפערין שאלה , מעלה , מען האט פון אים ניט גיהערט ניט תורה ניט יראה , ניט מופתים אונ ניט הדרכה ביז וואנען ער האט פון זיך ערווייטערט אלעמען , מען פלעגט שוין פון אים גאר ניט האלטין , פיל האבין גיזאגט אז דאס איז ניט דער ר׳ קאשמאן וואס

פראנקפורטער רב האט גיזאגט אין צוואה ; עס איז אזוי אוועק עטליכע יאר , מען פלעגט אים געבין פון שטאט הספקה אונ מען האט גיפרעגט שאלות אונ דינים ביי דיא מורי הוראות, אונ ער איז שוין פרגעסין גיווארין פון שטאט לייט .

בימים ההם איז דר אלטער גראף לעאן אונץ גישטארבין אונ דר יונגער פרינץ קונץ אונץ האט זיך גיזעצט אויף זיין טראן , דיא יונגע פירסטין עווגעניע קאססעל . האט זיך מיט קונצין ארויס גידרייט פון קונץ אונץ נאך יענער געשיכטע פון דאס קארטין שפיל איז ער ביי איר זייער פסול געווארין ., אז איונגער מענש זאל אזוי פיל זיין דער ווידער דעם אלטין פאטער , אונ פערלירין אזוי פיל געלט , זיא האט דאמאקסט אבגיטראטין פון דר יודישע גאס , אונ זיא האט אן גיבעטין דעם גראף האמבורסקי אז ער זאל רודף זיין אלע יהודים עד חרמה, אונ בפרט דעם שניידער שמעון לוין ווייל זיא האט גירעכינט אז ער האט אויס גיזאגט דעם סוד , אז זיא מיט די מוטער האבין זיך יעצט בעזעצט אין יודישע גאס , אין דעם בעהאלטינעם וואונונג (אונ באמת האט ער ניט אויס געזאגט ,. נור קונץ אונץ איז גיזעסין אונטער אפארהאנג ווען עווגעניע איז דארטין גיוועז וואס דעם גראף האמבורסקעם קנעכט האט אים מגלה גיוועז ביז וואנען אז דעם שמעון לוי האט מען דער שטאבין פון האמבורסקעם קנעכט וואס ער האט נאך אים אבגיגעבין זיינע פאפירין פון מיליאנעם , האט ער אלס פרגעסן אונ פרגאסין אומשולדיגע בלוט) אונ זיין הויז פרברענט , דר האמבורסקי איז גווארן אשונא ישראל, די פריילין עווגעניע איז אוועק אין פאריז מיט די מוטער , ווייל קונץ אונץ האט צוליב נקמה ניט גיגעבין זיי די פענסיע געלט , דארטין האט זיא גיווארט אויף איר פלימעניק ער זאל אויס סטודירין וועט ער האבין אגרויסע שטעלע , נאר דערווייל האט זיך אהאלענדר סטודענט געליבט אין איר , פלעגט ער איר געבין אויף אלס וואס זיי האבין בעדארפט דר פלימעניק האט זיך דרוואוסט , איז ער גיגאנגן מיט אים אויף אקוראק שטרייט , אונ האט אים צום טויט געשלאגין . אמאל זיינען זיי גיגאנגן שפאצירין עווגעניע מיט דעם פלימעניק אונ די מוטער אנפאנג אבינד איז פלוצלונג אנגילאפן ארייט וואגין אונ מען האט אויס גישאסין אויף זיי דרייען , איז זיא מיט די מוטער גיפאלין טויט , אונ דר פלימעניק איז נאר גערא[נ]עט גיווארין , מען האט ניט דרגאנגען די מערדער , נור

וויא עס ווייזט, זיינען זיי די פריינד פון דעם אלעגזאנדער גיוועזן, וועהען מיר אז בלוט שווייגט ניט, זייא האבין גימאכט פרגיסען שמעון לויס בלוט אומזיסט, האט מען זייער בלוט פארגאסין.

קונץ אונץ האט זיך גיזעצט אויפן טראן, אונ האט גינומען זאקזעסין קעניגס פלימעניצא פאר אפרויא, ער האט גיפירט זיין רעגירונג זייער שטרייננג, האט ער זיך די ערשטע זאך גינומען אנקמה צו נעהמען אן אלע יהודים בכלל אונ פון אונזער ר׳ זבולן אמסטערדאם בפרט, ער האט באלד אויפגילייגט אויף די יהודים פופציג טויזינד גילדען זאל מען אים ארייין טראגין, אונ אויב ניט וועט ער אלע יהודים ארויס טרייבין, אונ ר׳ זבולן וועט גימישפט ווערין במיתה משונה, די יהודים האבן גיוויינט אונ גיקלאגט אונ עס האט ניט גיהאלפין, מען האט זיי גיגעבין ציל פינף טעג, דיא יהודים זיינען בדלות גיווארין אונ ר׳ זבולן איז שטארק אראפ פון שטאנד נאר וואס העלפט דאס דער לעבין איז ליבער, עס איז גיקומען פר פסח האבין זיי זיך איין עצה גיזוכט איבער צו פירין אלע יהודים, האמבורסקי האט גיזאגט מען דארף זיי שטארק צוא דריקען ביז זיי וועלין אליין אנטלויפין, זאגט קונץ אונץ ניט דאס איז אנקמה. דו ווייסט דאך וואס דר פערפלוכטער יהודי זבולן האט מיר גטאן, ער האט מיך גילאזט שטיין אין אשטורעם אונ אפלוס רעגן אונ קעלט, אונ האט מיר דעם דריטין מאל ניט גיוואלט געבין צוייא טויזינד טאלער, אונ צו ליב דעם האב איך פערלארין עווגעניען וואס איך וועל אן איר אייביג ניט פערגעסין, מוז איך מאכין אז פון זיי זאל ניט בלייבין לעבין אגידעכינעש. ער האט באלד גיגעבין אפריקאז, אז אלע קליינע קינדער וואס וועלין שטארבין זאל מען זיי ברייננגן אין הויף, אונ מען וועט זיי היילינגין, דער נארטאר זאל ניט וויסען וואס מען מיינט מיט דעם, דאס וועט זיין גוטע קרבנות מיט זיי וועט מען מבער זיין דיא פארפלוכטע יהודים, כך הוה מען האט אין דריי טעג אויף גיטראגין פון דערפער אונ שטעט בערך פינף אונ דרייסיג קינדער, אונ פופצעהן קינדער וואס האבין נאך עטוואס גילעבט, וואראם די מוזיקעס זיינן גיוועזן פרגרעבט האבין זיי גיבראכט נאך לעבעדיגע קרבנות צו היילינגין. קורץ פון דר זאך דעם ערשטין קרבן האט מען מכבד גיוועזן ר׳ זבולון אמסטערדאם׳ מען האט איין געשניטענע אקראנקע קינד אין האלז אונ מען האט אריין גיווארפין אין קעלער צו אים, אונ דאס זעלבע האט מען צוטיילט אין

אײן נאכט אַלֶע קָרְבָּנוֹת אִין דִי טַײעֶרְסְטֶע יוּדִישֶׁע הַײזֶער , מָארְגִין פְּרִיא
עֶס וֶוערְט אַקְלִינְגֶערײא אִין אַלֶע קִירְכִין אוּנ אַרֶעשׁ אִין שְׁטָאט , אַז עֶס
אִיז פֶערְלָארִין גִיוָוארִין פִיל קְלֵײנֶע קִינְדֶער , עַל כֵּן וֶוער עֶס וַוײס עֶפֶּעס
זָאל מוֹדִיעַ זַיין צוּם גְרַאף פוּן שְׁטָאט , אוּנ וואו מֶען וֶועט גֶעפִינֶען וֶועט
מֶען יֶענֶע טָאן דֶעם אֵײגֶענֶעם פְּסַק . כָּךְ הוה מֶען הָאט זִיךְ בַּאלְד פַאר
שְׁפְּרֵײט אִין דִי יוּדִישֶׁע גַאס הָאט מֶען גִיפוּנֶען אֵײנִיגֶע קִינְדֶער טוֹיטֶע
הָאט מֶען בַּאלְד אַרוּם גִיוַואכְט דִי גַאנְצֶע גֶעטְהָע , אוּנ דֶערְהוֹיפְּט הָאט
מֶען גִיזוּכְט בַּיי ר' זבולן אמסטערדאם , אוּנ נָאךְ בַּייא דִיא גְרֶעסְטֶע פוּן
שְׁטָאט וואו זֵיי הָאבִין אוּנְטֶער גִיוָוארְפִין , גְלֵייךְ הָאט מֶען ר' זבולן
דֶעם עֶרְשְׁטִין גֶעשְׁלָאסִין אִין קֵייטִין אוּנ מֶען הָאט אִים אַרַיין גִיוָוארְפִין
אִין אַפִינְסְטֶערֶע גְרוּבּ פוּן אַסְטְרָאג , אוּנ אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע הָאט מֶען אוֹיךְ
צוּזֶעצְט אִין אַסְטְרָאג , אֵיין מָאל אִין דְרַיי טֶעג פְּלֶעגְט מֶען דֶער לַאנְגֶען
אַפָּארְצִיֶע בְּרוֹיט מִיט וַואסֶער , אִין עֶרְשְׁטִין הָאט מֶען צוּנוּמֶען פוּפְצִיג
פֶּערְזָאן מנכבדי העיר , אוּנ דֶער נָאךְ הָאט מֶען צוּ זֶעצְט דִי פַאמִילְיֶע פוּן
יֶעדְרִין בִּיז מֶען הָאט אַרַיין גִישְׁלֶעפְּט אִין נֶעץ קָרוֹב פוּן טוֹיזִינְד פֶּערְזָאן
אוּמְשׁוּלְדִיגֶע בְּלוּט , דָאס פֶּערְשְׁטֵייט מֶען אַז מֶען הָאט צוּגוּמֶען דִי הוֹיז
לַייטֶע הָאט מֶען גֶעווּיס צוּרַאבִּירְט אַלְס וָואס אִיז גִיוֶוען , אוּנ מֶען הָאט
נִיט גִיטָארְט רֵיידִין אַוָוארְט , וֶוען נִיט אִיז דֶער שְׁוֶוערְד אִיבֶּערִין קָאפּ ,
דֶערְוַוייל הָאט מֶען גִיקְלֶעפְּט אָבְּיַאוְולֶענְגֶעס אוֹיף אַלֶע סְלוּפֶּעס , אַז אַלֶע
בִּירְגֶער זָאלִין הִיטֶען דִי קִינְדֶר . וָוארוּם דִי יְהוּדִים בֶּעדַארְפִין הָאבִּן בְּלוּט
אוֹיף פֶּסַח , אוּנ מֶען הָאט שׁוֹין פִיל קִינְדֶער גִיהַאפְּט בַּיי זֵיי . אוּנ יֶעדֶער
יְהוּדִי וָואס וֶועט אַנְטְלוֹיפִין פוּן שְׁטָאט הָאט מֶען פְּרַאוו יֶעדֶער וָואס
וֶועט אִים הַאפִּין צוּ שְׁלָאגִין שְׁטַארְק אוּנ בְּרֵיינְגֶען צוּם גְרַאף , גַם אַלֶע
חוֹבוֹת וָואס קוּמְט דִי יְהוּדִים אִיז פֶערְפַאלִין , אוּנ מֶען טָאר זֵיי נִיט פַר
קוֹיפִין קֵיין שְׁפַּייז , אוּנ נָאךְ אִין צֶעהֶן טֶעג אַרוּם זָאלִין זִיךְ אוֹיפְקְלַייבִּין
פוּן אַלֶע דֶערְפֶער אוּנ אַרוּם וַואכִין דִי יוּדִישֶׁע גַאס , אוּנ דָארְטִין וֶועט
מֶען בַן זַיין אַלֶע יְהוּדִים קָרוֹב בִּיז טוֹיזִינְד נְפָשׁוֹת , אַזוֹ אִיז גִיוֶוען אָן
גִקְלֶעפְּט אַיין פְּרִיקָאז פוּן קוּנִיג אוּנץ אוֹיף אַלֶע סְלוּפֶּעס פוּן שְׁטָאט .

ויהיו ימי צרה ליהודים אַזוֹא וְויא אִין דִי צַייטִין פוּן הָמָן הָרָשָׁע
דִי יְהוּדִים הָאבִין גִיוַויינְט אוּנ גִיקְלָאגְט , גֶעפַאסְט פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין ,
קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבִּין גֶעשְׁרִיעֶן וְויא אִין חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ , אַז נָאךְ
דֶעם תַּעֲנִית אִיז בַּיי נַאכְט נִיט גִיוֶוען וָואס צוּ קוֹיפִין אוּנ פַאר וָואס צוּ

קויפִין , אונ דִי וָואס הָאבִּין נָאךְ גִיהַאט גֶעלְט הָאבִּין זַיי פַר גְרָאבִּין מֶען זָאל בַּיי זַיי נִיט רַאבִּירִין , דֶער וַוייל זַיינֶען זַיי אוֹיךְ אוּיס גִיגַאנְגֶען וִויא אַלִיכְט , אונ נָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶער אִיז אַז אִין דֶעם פִינְפְטֶען טָאג וֶועט מֶען דַן זַיין אוּמְשׁוּלְדִיגֶע נְפָשׁוֹת מִיט מִתוֹת מְשׁוּנוֹת . דֶר וַוייל הָאט דֶר גְרַאף קונץ אונץ (הָמָן דֶר צְוֵויטֶער) אַוֶועק גִישִׁיקְט אַרַאפָּארְט צוּם קֶענִיג פוּן אוּנְגַארִין : אדוני המלך ! אַזוֹ וִויא דִיא יְהוּדִים פוּן פְרַאנְקְפוּרְט הָאבִּין פוּפְצִיג קִינְדֶער אוּמְגִיבְּרַאכְט , אונ וֶוען מֶען וָואלְט נִיט חַאפִּין בַּאלְד , וָואלְטִין זַיי צוּקוּוילֶעט מֶער , דִי גִישְׁרֵיי פוּן דִי עֶלְטֶערִין פוּן דִי קִינְדֶער אִיז גִיקוּמֶען צוּ מִיר , הָאבּ אִיךְ נָאךְ גִיזוּכְט הָאט מֶען גִיפוּנֶען אַלֶע בַּייא דִי יְהוּדִים דִי מֶערְדֶער , אונ דָא זַיינֶען גִיזִיגֶעלְט פִינְף הוּנְדֶערְט חֲתוּמִים פוּן שְׁטָאט , וַויל אִיךְ זַיי דַן זַיין וִויא זַיי הָאבִּין גִיטָאן מִיט דִי קִינְדֶער , וָוארוּם פֶּסַח בֶּעדַארְפִין זַיי בְּלוּט פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער . אונ אִיךְ וַוארְט אוֹיף דַיין אַנְטְוָוארְט אדוני המלך , פוּן מִיר דַיין קְנֶעכְט קונץ אונץ .

דֶער אוּנְגֶערְשֶׁער מֶלֶךְ הָאט אִים תֵיכֶף אָבּ גִישְׁרִיבִּין , אַז זַיין בְּרִיף מִיט דִיא 500 חֲתוּמִים הָאט עֶר עֶרְהַאלְטִין , אונ יֶעצְט וֶועט עֶר זִיךְ גוּט אַרוּם זֶעהֶען אִין זַיין מְדִינָה אוֹיךְ וֶועגִין דִיא יְהוּדִים , אונ דֶער מִשְׁפָּט וָואס קונץ אונץ שְׁרַייבְּט אִים , גֶעפֶעלְט עֶר אִים זַייעֶר , עֶס בַּאדַארְף אַזוֹא זַיין .

קונץ אונץ וִויא עֶר הָאט עֶרְהַאלְטִין דֶעם בְּרִיף פוּן אוּנְגֶערְשִׁין קֶענִיג , הָאט עֶר שׁוֹין מוֹדִיעַ גִיוֶועזִין נָאךְ אַיין מָאל , אַלֶע נַאצַאלְסְטְוָוא אִין אַלֶע דֶערְפֶער , אַז זַיי זָאלִין זַיין גֶעגְרֵייט אוֹיף דֶעם טָאג וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר אָבּגִישְׁטֶעלְט , אַנְקָמָה זֶעהֶען אָן דִיא יְהוּדִים , וָוארוּם אָן אַבְּרִיף פוּן דֶעם אוּנְגֶערְשִׁין קֶענִיג הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט צוּ טָאן אַלֵיין אַזוֹ אַיין זַאךְ , דֶען עֶר אִיז דָאךְ גָאר אַיין קוּרְפִישְׁט . נִיט קֵיין קֶענִיג נָאר דֶער בְּרִיף הָאט אִים נָאךְ מֶער צוּא גֶעשְׁלָאגִין אַיין תֵיכֶף צוּא טָאן דִיא מֶערְדֶערַייא .

דִיא יְהוּדִים הָאבִּין גֶעבַּאךְ נִיט גִיהַאט קֵיין שׁוּם עֵצָה , זַיינֶען זַייא אַרַיין מִיט אַיין גֶעוויין צוּ „ר׳ קַאשְׁמַאן דֶער נֶעלָם״ אונ דֶערְצֵיילִין אִים דִיא גַאנְצֶע זַאךְ . וִויא נָאךְ אִין צֶעהְן טֶעג אַרוּם , וֶועט פֶערְגָאסִין וֶוערִין יוּדִישֶׁע בְּלוּט וִויא טַייכִין , אונ עֶס אִיז שׁוֹין אַיין טָאג אַוֶועק , גְוַאלְד רֶבִּי רַאטֶעוֶועט הָאבִּין זַייא גֶעשְׁרִיעֶן ! עֶס אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען זָאנְטִיג , מָאנְטִיג אונ עֶר עֶנְטְפֶערְט גָאר נִיט מִטוֹב וְעַד רָע , אונ נָאךְ

שַׁבָּת דָאנֶערְשְׁטִיג בֶּעדַארְף זַיין דֶער יום הַהֲרִיגָה, אַלֶע הָאבִּין גֶעוַויינְט שְׁרֶעקְלִיךְ אוּנ הָאבִּין אַלְס דֶרְמָאנְט דֶעם פְרִיעֶרְדִיגֶען רָב, אַז עֶר וָואלְט גִילֶעבְּט וָואלְטִין זַייא נִיט גִיקוּמֶען צוּא אַזוֹי אַיין לַאגֶע, עֶר אִיז גִיוֶוען אַיין חָכָם מְדִינִי אוּנ אַיין אִישׁ מוֹפֵת, נוּר דָאס אִיז אוּנְז אַיין פְּלִיאָה, וואוּ אִיז זַיין הֵיילִיגֶע צַוָואָה, אַז ר׳ קאשמאן אִיז אַיין הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ וואוּ אִיז זַיין הֵיילִיגְקַייט? עֶר זֶעהֶט שׁוֹין בְּלוּט בִּיז דִיא קְנִיא אוּנ שְׁוַויינְט אַלְץ, אַזוֹי הָאבִּין זַייא גִירֶעט אַיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, אַיינִיגֶע הָאבִּין גִיזָאגְט, נִיט אַנְדֶערְשׁ אַז נִיט אוֹיף אִים הָאט דֶער פָארִיגֶער פְרַאנְקְפוּרְטֶער רָב גֶעמֵיינְט, אִיז אָבֶער אַיין קַשְׁיָא, דֶער לֶעמְבֶּערְגֶער רָב, הָאט דָאךְ גֶעשְׁרִיבִּין אַז נָאר דָאס אִיז דֶער ר׳ קאשמאן דֶער נעלם, בְּקִיצוּר פוּן קְלָאג אוּנ גֶעוֵויין הָאט מֶען אַלְס אַזוֹי אוּנ אַזוֹי גִיקְלֶערְט, אַלֵיין צוּא טְרֵייסְטִין זִיךְ, אָבֶער עֶס הֶעלְפְט גָאר נִיט, ר׳ קאשמאן הָאט גָאר נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט מִטּוֹב וְעַד רָע, וִיהוּדֵי פְרַאנְקְפוּרְט נְבוֹכִים, דֶער קְלָאג אוּנ גֶעוֵויין פוּן אַלְטֶע אוּנ יוּנְגֶע, אוּנ זֵייגֶעדִיגֶע קִינְדֶער הָאבִּין הִימְלֶען גֶעשְׁפָּאלְטִין, אוּנ בִּיסְלַאךְ וַויים הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶיהוֹיבִּין קְלַייבִּין פוּן אַלֶע דֶערְפֶער זֶעהֶן, וִויא מֶען וֶועט דַן זַיין דִיא יְהוּדִים דָאנֶערְשְׁטִיג דֶער פִינְפְטֶער טָאג.

ויהי ביום השני נָאךְ שַׁבָּת דָאס אִיז מָאנְטִיג פַאר נַאכְט מִנְחָה צַייט, הָאט מֶען פְּלוּצְלוּנג דֶר הֶערְט אַיין שְׁטַארְקֶע אוּנ אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטִימֶע פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזִין, מִיט אַיין צִיטֶערְנִישֶׁען מוֹרַאל, אוּנ אַבְּרֵיאסְק פוּן אַגְרוֹיסִין פַייֶער פוּן ר׳ קאשמאנס הויז, זַיינֶען אַלֶע אַרַיין גֶעלָאפִין זֶעהֶן וָואס אִיז דָאס, הָאבִּין זַייא דֶער זֶעהֶן וִויא ר׳ קאשמאן שְׁטֵייט מוּכתר בטלית ותפילין, אִין אַיין קִיטִיל אוּנ בְּלָאזְט שׁוֹפָר, אוּנ וִויא עֶר הָאט דֶער זֶעהֶן דִי יְהוּדִים הָאט עֶר זַייא גִיהֵייסִין דַאוְונֶען מִנְחָה, אוּנ הָאט פַאר רוּפִין דֶעם שַׁמָשׁ פוּן שׁוּל, אוּנ הָאט אִים שְׁטְרֵיינְג פֶערְזָאגְט אַז עֶר זָאל רוּפִין תיכף ומיד אִין שׁוּל, אַלֶע זָאלִין זִיךְ טוֹבֵל זַיין דֶער וָואס אִיז נִיט רֵיין, אוּנ אוֹיף קְלַייבִּין זִיךְ מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל (חוּץ וַוייבֶּער אוּנ קְלֵיינֶע קִינְדֶער) אִין דֶער גְרוֹיסֶער שׁוּל יֶעדֶער זָאל עֶטְוָואס עֶסִין, אַיינֶער זָאל גֶעבִּין דֶעם צְוֵוייטִין טֵיילִין זִיךְ מִיט דֶעם לֶעצְטִין בִּיסֶען אוּנ מֶען זָאל פֶערְפַאסְטִין בִּיז מָארְגִין בַּייא נַאכְט, מֶען זָאל זִיךְ אָן טָאן אִין טַלִית אוּנ קִיטִיל אוּנ מֶען זָאל אָן צִינְדִין לִיכְט רִיכְטִיג וִויא יוֹם כִּפּוּר אוּנ אִיךְ וֶועל בַּאלְד אוֹיךְ קוּמֶען, וִויא מֶען הָאט דָאס פוּן ר׳ קאשמאן

דָער הֶערְט, אִיז גֶעוָוארִין שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה לַיְּהוּדִים, דֶער שַׁמָשׁ הָאט אַרוּיס גֶעשִׁיקְט פִיל מֶענְשִׁין יִרְאֵי אֱלֹהִים מֶען זָאל מַזְהִיר זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער פֶערְבָּארְגֶענֶער צַדִיק וְקָדוֹשׁ הָאט גֶיהֵייסִין, עֶס אִיז גִיוָוארִין אַיין רַעַשׁ גָּדוֹל, מֶען הָאט עֶטְוָואס גִיגֶעסִין אַבִּי נָאר דִי נְשָׁמָה דֶער הַאלְטִין דִיא רַייכָערֶע הָאבִּין דִיא לֶעצְטֶע אַוֶועק גִיגֶעבִּין דִיא אָרִימֶע לַייט, אוּנ מֶען אִיז גֶעלָאפִין אִין שׁוּל מִיט גְרוֹיס פַּחַד, אוּנ אַיין לִיכְט אִין הַאנְד מוּכְתָּר בְּטַלִית אוּנ קִיטִיל, מֶען הָאט גִידַאוִונְט אַלֶע תְּפִלּוֹת זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה. פַאר דֶעם עַמוּד הָאט ר' קאשמאן זִיךְ גִיהֵייסִין שְׁטֶעלִין אַיין זָקֵן וָואס מֶען הָאט אִים נִיט גִיקֶענְט אִין שְׁטָאט. נָאר זֵייא הָאבִּין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז אַיין צַדִיק קָדוֹשׁ אֱלֹהִים, ר' קַאשְׁמַאן וִויא עֶר אִיז אַרַיין אִין שׁוּל הָאט אַיין בְּלַיאסְק גִיטָאן זַיין הֵיילִיגֶער פָּנִים, מֶען הָאט פָּשׁוּט גִיזֶעהֶן אַז דִיא שְׁכִינָה רוּהְט אוֹיף אִים, עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין מִזְרָח בַּייא דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּנ עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אַיין גַאנְצֶע נַאכְט אוּמְגִיקֶערְט מִיטִין פָּנִים צוּם וַאנְט אוּנ טַייכִין טְרֶערִין זַיינֶען גִיגָאסִין פוּן אִים, אוּנ מֶען הָאט נָאר גִיהֶערְט פוּן אִים שֵׁמוֹת הַקְדוֹשִׁים וִויא פוּנְקֶען פַייעֶר פוּן זַיין פֶּה טָהוֹר אוּנ אַרְבַּע אַמוֹת נָאהֶענְט לֶעבִּין אִים הָאבִּין אַלֶע מוֹרָא גִיהַאט צוּ גֵיין צוּ אִים, וִויא צוּ אַיין מַלְאָךְ אֱלֹקִים.

מֶען הָאט אָבְּגִידַאוִונְט בֶּערֶךְ הַאלְבֶּע נַאכְט, אוּנ מָארְגִין פְּרִיא הָאט מֶען אוֹיךְ מִתְפַּלֵל גִיוֶועזִין וִויא יוֹם כִּפּוּר מִיט גְרוֹיס אֵימָה וָפַחַד זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען מוּסָף הָאט ר' קַאשמאן זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּייא דֶעם עַמוּד, אוּנ הָאט גִיגֶעבִּין אַיין גֶעשְׁרַייא יתגדל ויתקדש שמי' רבא, הָאט מֶען גִיזֶעהֶן וִויא אַיין זַייל פַייעֶר הָאט אִים אַרוּם גֶענוּמֶען, אוּנ אַלֶע זַיינֶען עֶרְשְׁרָאקִין גֶעוָוארִין, וִויא דִיא וֶועלְט וָואלְט צוּ שְׁטוּרֶעמְט וֶוערִין, דָאס פֶערְשְׁטֵייט מֶען אַז דֶער מוּסָף אִיז גִיוֶועזִין גֶעדַאוִונְט אוֹיף דֶעם בֶּעסְטִין אוֹפֶן, מֶען הָאט אִים גִימָאנְט דַאוְונֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, נָאךְ מוּסָף הָאט מֶען בַּאלְד גִידַאוִונְט מִנְחָה, דֶערְנָאךְ הָאט ר' קאשמאן גִיהֵייסִין דֶעם שַׁמָשׁ אוֹיס רוּפִין, אַז מֶען זָאל זָאגִין קַאפִּיטְלַאךְ תְּהִלִים וָואסֶערֶע בַּייא אִים אִיז גִיוֶועזִין פֶערְצֵייכִינְט פוּן נֶעכְטִין, אוּנ מֶען זָאל וַוארְטִין מִיט נְעִילָה אוֹיף ר' קאשמאנען, כה הוה ר' קאשמאן אִיז נֶעלָם גֶעוָוארִין, עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן שׁוּל אוּנ מֶער הָאט מֶען נִיט גֶעוואוּסְט.

אין דער נאכט האט זיך גיחָלֶמְת דעם מֶלֶך פון אונגערין איין שרעקליכער חלום, וויא ער גייט שפאצירין אין פרילינגס גארטין הערט ער פון ווייטין איין גוואלדיקען געשרייא, וויא הונדערט מענשין שרייען מיט איין שרעקליכע שטימע, דער שרייט מיין קאפ! וואס קוילעט איר מיר פיר אומזיסט, דער שרייט מיינע פיס, דער מיינע גידערים, אונ נאך דעם רעש פליסט איין טייך בלוט, פון דעם טייך בלוט הערט זיך איין שטימע„שמע ישראל" דר נאך האט זיך אב גערופן איין מוראלישע שטימע „דער גאט פון ישראל שלאפט ניט" (דאס הייסט לא ינום ולא יישן שומר ישראל) איז דער טייך בלוט געלם געווארין, האט אן גיהויבין צו פליסין איין קליינע טייכעלע בלוט אונ האט זיך געפליסט אין דער הויך ביז וואנען עס איז איבער גינאנגען איבער זיין קאפ, דער מלך וויל זיך ראטעווען פון דיא בלוט, ציט ער ארויס דיא קאפ פון דיא בלוט, קומט איינער זיינער איין גוטער פריינד אונ טרינקט אים צוא צוריק, ער שרייט גוואלד ראטעוועט מיך פון דער טייביל בלוט, אונ האט ניט קיין הילף. ביז דיא בלוט האט אים שוין פערטרונקען, איז גיקומען איין אלטער מענטש זייער איין געטליכער מאן אן גיטאן אין ווייסין (אין טלית אונ קיטיל) אונ האט אים ארויס גיראטעוועט פון טייבעלע בלוט, האט ער דר זעהען וויא קליינע קינדער פון זיין נאציאן שווימען אין טייבעלע, טויטע, אונ עסאך לעבידיגע גיקאלעצעטע, איז ער נאך אמאל זייער ערשראקן גיווארין, נאר ער דאנקט גאט אז ער איז ניצול גיווארין, וויל ער חאפין קושין מיט טרערין פון שמחה וששון דעם אלטין געטליכין מאן, וואס ער האט אים גיראטעוועט פון אזו איין שרעקליכע מיתה משונה, ער זוכט אים, אונ געפינט אים ניט, אין דעם האט זיך דער מלך אויף גיחאפט פון שלאף, ער איז גיוועזין זייער צו שראקין, טייכין שוויים האט פון אים גערונען פון פחד, אונ האט גיוויינט גאר אן אויפהערונג קינעם האט ער ניט מגלה גיוועזן, אגאנצין טאג האט ער ניט גיגעסין פון צער, אונ איז אום גיגאנגען צוא ווישין דיא ביימען פון גארטין, גלייך וויא ער זוכט זיין פודה ומציל (דאס הייסט דעם געטליכין מאן) אבער ער זעט אים ניט.

וויא ער איז דא גיוועזן פערטראכט זעהט ער פון ווייטין וויא איין שווארצער וואלקין לאזט זיך אראפ צווישען דיא לעצטע בוימער

פון נארטין, עס איז נאך ניט געוועזן אבינר צייט, איז איהם געוועזן איין פליאה וואָרום איז שוין פלוצלונג פינסטער קלערט ער צו זיך וויא דיא נאכט אזו איז דער טאג אלס פינסטער און שרעקליך, אין דעם זעהט ער וויא איין אלטער מאן (ריכטיג וויא דר וואס ער האט געזעהען אין חלום) גייט אן גיטאן אין ווייסין, זיין גיזיכט איז וויא איין מלאך פון הימיל, און גייט אונטער צום מלך און פרעגט, וואס ביסטו אזו אומעדיג ליבער קעניג? מיר דוכט אז דוא געטליכער מענטש ווייסט וואס איז מיין קימער און מיין שמערץ (רופט זיך אב דר מלך) דען איך האב דיר געזעהען אין חלום, און דוא מיין געטליכר פירסט, דוא ביסט מיין ערלייזער, דוא האסט מיך ארויס געצויגין פון טויט מיין זעלע. איך וויים אלס ליבער קעניג, דוא ווייסט וואס דיין שרעקליכער טרוים (חלום) בעדייט? ניין ליבער הער! און בוקט זיך צוא דר ערד מיט ציטערנעס, איך וויים ניט דעם פתרון פון דר טויט שרעקליכער חלום, און איך ביטע צוא ענטדעקין מיר דעם סוד וואס ווייזט דאס, דען אלע חכמי המדינה וועלין דאס ניט וויסין, ווארום דאס איז נור געטליך, איך וועל דיר אלס זאגין, נור דוא זאלסט מיר איין זאך צוא זאגין, זאגט ר' קאשמאן צו איהם, ענטפערט דער מלך געטליכר מענטש, וואס דוא וועסט מיר בעטין וועל איך אלס טאן, ווארום איך בין דיין קנעכט, און האט גישוואָרין בייא זיין גלויבין (אמונה) און זיין מלוכה, האט ר' קאשמאן איהם ערקלערט, אז דער טייך בלוט מיט דעם רעש, און דיא שטימע „שמע ישראל" ווייזט אלס, וויא דיין בריף וואס דוא האסט געשיקט צו קונץ אונץ (אז ער מאג טאן מיט די יהודים וויא ער וויל) האט אן גימאכט אז טייכין בלוט וועט פערגאסין ווערין פון יהודים, נאר דער גאט פון דיא יהודים ער לעבט נאך, ער וועט זייא ראטעווען, און דיא צווייטע קליינע טייכיל בלוט און קליינע קינדער שווימען, ווייזט אז קונץ אונץ האט פיל אייערע קינדער אומגיבראכט מיט זיין פריקאז מען זאל אויף טראגין קינדער צוא דיא גלחים. און אונטער ווארפין בייא יהודים אויף איין בלבול, דער ווייטע האבין זייא פיל קינדער נאך לעבעדיגע דער קוילעט בעקומען בלוט צוא זאגין אז יהודים בעדארפין בלוט, און דער גוטער פריינד וואס האט דיר צוא גיטרונקן, און האט דיר פון דער וועלט גיוואלט פערלירין, ווען ניט איך וואלט

דיר מַציל גיוועזין) דאס איז קונץ אונץ אַליין, ער האט דיר אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ אָן גיבעטין דוא זאלסט העלפין אים, ער זאל קוילעגען הונדערטער נפשות פון יְהוּדִים אוּם זיסט, אונ דאנערשטיג וועט זיין דער יוֹם הַהֲרֵיגָה, אונ איך וועל דיר אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ מציל זיין פון דיא הענט וואס ווילין דיין לעבין אומברייננגען, וויא אזוא פרעגט דער מֶלֶךְ מיט שרעק, מיט דעם בעוויז זאגט ר' קאשמאן אז דוא אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ זאלסט שיקין חֵיל מְלוּמְדֵי מִלְחָמָה, אונ איין אַדיטיאַנט, וועסטו גיפינען בייא אים אין איין פערבארגענער מְעָרָה (סקלעפ) בריף פערשיידענע, וואס קונץ אונץ האט גישריבין צוא פיל קורפירסטין אונ הערצאגין, מען זאל ארויס גיין אויף מִלְחָמָה אויף דיר ארוני המלך, אונ מען זאל דיר חאפין אין פלען, אונ אונברייננגען, דארטין שטייט דיא טְעָמִים אונ נאך סוֹדוֹת דער פון, דארום זאלסטו שנעל שיקין בערך צעהען טויזינד זעלנער מיט גיווער, אונ אויב מען וועט גיפינען דיא פאפירין וועסט דוא וויסין אז מיינע רייד איז היילִיג, אונ דוא זאלסט מַציל זיין הונדערטער נפשות, עס זאל ניט פערגאסין ווערין יודישע אונשולדיגע בלוט, אונ מיט דעם מערדער קונץ אונץ זאלסטו זיך אב רעכענען וויא ער איז ווערט, דיין נֶפֶשׁ וועסטו אויך מציל זיין, אונ פיר גאט וועט זיין גירעכינט דיין ווירקונג פיר איין היילִיגע הילף, וויא דוא זאגסט געטליכער מאן (האט איין גישרייא גיטאן דער קעניג בוקינדיג זיך צוא אים), אזוי וועל איך טאן, נאר דוא זאלסט מיך בענצין פיר דיין אבשיידין, ער האט אים גיבענשט אונ פלוצלונג איז ער נעלם גיווארין, דער קעניג האט באלד געשיקט צעהן טויזינד זעלנער מיט איין גלאַוונעם גענעראל, זייא זיינען געפלויגין וויא אדלערן גלייך קיין פראנקפורט דמיין.

ר' קאשמאן האט אב גיטאן זיין געטליכע שליחות, אונ דורך קְפִיצַת הדרך איז ער גיקומען פלוצלונג אין בֵּית הַכְּנֶסֶת צוא נְעִילָה, ער איז אריין איז גיפאלין איין שרעקליכער פַּחַד אויף אלעמען, אונ ער האט זיך גישטעלט אליין דאוונען תְּפִלַּת נְעִילָה, איין מענשליכער קרעפט איז ניט אין שטאנד אויס שרייבין דיא ווירקונג וואס האט פועל גיוועזין זיין תְּפִלָּה, מיט זיין געטליכין גייסט אונ שרעקליכע הִתְעוֹרְרוּת, וואס ער האט גימאכט אויף דיא מִתְפַּלְּלִים, צום סוף האט ער גיגעבין איין געשרייא „ה' הוא האלקים" דאס הייסט אונזער

הער איז גאט אליין! האבין געציטערט דיא וועגט, וויא זייא וואלטין הערין אויף דעם הייליגין בארג סיני, מיט קולות אונ בליצין, נאך מעריב האט ר' קאשמאן גיהייסין אז יעדער זאל געבין דעם צווייטין פון דאס לעצטע עסין, ויקרא: לכו אכלו בשמחה לחמכם הצר, אונ מארגין זאל מען רוען לויבין השם יתברך יעדער צוא הויז, אונ ווארטין אויף גאטעס הילף, כך הוה, מארגין פריא (דאס איז מיטוואך) זיינען אויף גיקומען פון אלע דערפער, בויער לייט אונ זעלנער, אלע זיינען גיגרייט צוא מאכין איין שלאכט באנק (איין שעכט הויז) פון דיא יהודים, מען האט דער ווייליע געראבירט אונ גישלאגין דיא יהודים ביסלאך וויים, איין פחד איז גיוועזן ארוים גיין פון דיא הייזער, אויף מארגין פריא (דאס איז דאנערשטיג) איז ארוים קונץ אונץ אן גיטאן אין רויטין, אונ נאך אים טויזינטער מענטשין, זעלנער אונ דארף לייט מיט גיוועהר, מיט מעסערס אונ מען האט זיך גלייך גיצויגין צוא דיא אונגליקליכע יהודים, טאן מיט זייא משפטים, הרג ואבדון, אונ דיא גרעסטע גבירים אונ ר' זבולון אמשטערדאם אויך אין זייא, מען האט אים דעם ערשטין גיפירט אויף דעם שלאכט באנק, אונברייננען אים מיט איין מיתה משונה, ציהען פון אים דיא אדערין, וויא מען האט דער הערט אז מען פירט ר' זבולון אמשטערדאם, איז גיווארין איין שרעקליכער געוויין ביא דיא יהודים, עס האט זיך די הימיל גישפאלטין פון זייערע ביטערע שטימען, וויא מען האט אים ארויף גיפירט צום מערדער (תליין) אין דיא הענד, האט ער אן גיהויבין שרייען שמע ישראל, פילייכט וועט ער אן נעמען אונזער אמונה (שרייט קונץ אונץ) וועט ער זיין פרייא, דער מערדער זאגט דאס פיר אים איבער אייניגע מאל, ניין! האט איין גישרייא גיטאן דער הייליגער ר' זבולון אמשטערדאם. איך בין גיבארין אין מיין הייליגע אמונת ישראל, אונ דעם גאט פון ישראל וועל איך דינען ביז מיין לעצטע רגע פון מיין שרעקליכין טויט, קונץ אונץ האט איין מאך גיטאן מיטין האנד, איין סימן אז דער מערדער זאל אים שוין אן הויבין שניידין דיא הייליגע לייב (דער נאך דיא איבעריגע יהודים) דיא מוזיקע האבין אן גיהויבין ביסלאך וויים צוא שפילין, מען זאל ניט הערין דיא שרעקליכע קולות פון דיא יסורים, פלוצלונג הערט זיך איין גרויס שטורעם, מען שיסט מיט הארמאטען, מיט

בִּיקְבִּין, מֶען פּוּקְט שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶס קֶערְט דִיא וֶועלְט, קונץ אונץ אִיז מְשׁתּוֹמֵם גִיוָוארִין, דֶער מֶערְדֶער אִיז אַרָאפּ גִילָאפִין פוּן שְׁטַייֶער הוּיפִּין (שֶׁעבְּט בַּאנְק) דִיא אַלֶע זָעלְנֶער אִיז בַּייא זַיי צוּא פַאלִין דִיא גִיוֶוער פוּן דִיא הֶענְד פוּן גְרוֹיס פּחד, קונץ אונץ הָאט דֶער זֶעהֶן דֶעם גֶענֶערַאל, גִיט עֶר אִים דִי הַאנְט, נוּר עֶר הָאט אִים נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט, עֶר הָאט פֶערְזָאגְט זַיין חֵיל מֶען זָאל אַרוּם וַואכִין אַלֶע זָעלְנֶער מִיט בְּלוֹיזֶע שְׁוֶוערְדִין, אוּנ דֶעם גְרַאף קונץ אונץ הָאט מֶען גִיפִירְט וִויא אַיין רִישְׁטַאנְט צוּא זַיין פַּאלַאץ, דֶער גֶענֶערַאל הָאט בַּאלְד אַרוּם גִיוַואכְט דֶעם פַּאלַאץ אוֹיךְ, אוּנ הָאט אַלֵיין גִיזוּכְט אִין אַלֶע בַּאהֶעלְטֶענֶעס, גַם אִין דִיא מְעָרוֹת (סְקְלֶעפִּין) בִּיז וַואנֶען עֶר הָאט גִיפוּנֶען אַיין אַייזֶערְנֶע קֶעסְטִיל פוּל מִיט פַּאפִּירִין, דָארְטִין הָאט עֶר גִיפוּנֶען אַלֶס וִויא דֶר גֶעטְלִיכֶר מַאן ר׳ קאשמאן הָאט גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ, פוּל מִיט בֵּייזֶעס אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ, עֶר הָאט גִיוָואלְט מַאכִין אַיין מַאטֶעז, מֶען הָאט בַּאלְד גִיבוּנְדִין קונץ אונץ אִין קֵייטִין אוּנ מֶען הָאט אִים גִיפִירְט אוֹיף אַיין שַׁאנְד וָואגִין, אוּנ אוֹיף דֶעם אֵייגֶענֶעם שְׁלַאכְט בַּאנְק וָואס מֶען הָאט גִיוָואלְט אִיבֶּר פִירִין ר׳ זבולון אמסטרדם, הָאט מֶען אִים אַרוּיף גִינוּמֶען אוּנ מֶען הָאט אִים דַן גִיוֶועזִין מִיט אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע מִיתָה, אַלֶע זָעלְנֶער זַיינֶע אוּנ דִיא אַקֶערְלַייט וָואס הָאבִּין גִיהָאפְּט. אוֹיף יוּדִישֶׁע בְּלוּט, הָאט מֶען זַייא גִישְׁלָאגִין שְׁטַארְק אוּנ צוּא טְרִיבִּין, אַסַאךְ זַיינֶען אַלֵיין צוּא לָאפִין, אוּנ אַגוּזְמָא פוּן זַייא הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט גֶעגִין דִיא חַיִל פוּן גִינֶערַאל מַאכִין אַיין מִלְחָמָה, הָאט דֶער גֶענֶערַאל גִיגֶעבִּין אַיין פְּרִיקַאז מֶען זָאל זֵייא שְׁלָאגִין מִיט בְּלוֹיזֶע שְׁוֶוערְדִין, מֶען הָאט פוּן זַייא קֵיין שָׂרִיד וּפָלִיט נִיט גִילָאזִין, עֶר הָאט צוּא טֵיילְט דִיא רַייכְטוּם פוּן קונץ אונץ פִיר דִיא אָרֶעמֶע יְהוּדִים וָואס זַיינֶען אִין דֶעם מֶשֶׁךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ גִיוָוארִין, וליהודים היתה אורה ושמחה, דֶער נָאךְ אִיז גִיקוּמֶען דֶער גֶענֶערַאל אִין דֶער יוּדִישֶׁע גָאס, אוּנ הָאט גִיפְרֶעגְט צוּם וואוינוּנְג פוּן ר׳ קאשמאן (אַלְס וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פֶערְזָאגְט הָאט עֶר גִיפוּנֶען דָארְטִין ר׳ זבולון אַמְסְטֶערְדַאם, מִיט אַלֶע וָואס זַיינֶען גִיזֶעסִין אִין אַסְטְרָאג, אוּנ מֶען הָאט שׁוֹין נִיט דֶער קֶענְט זַייער גֶעזִיכְט, ר׳ קאשמאן הָאט גִיבֶּענְצְט דֶעם מֶלֶךְ, אוּנ אַלֶע הָאבִּין מִיט גְרוֹיס גִיוַויין אוֹיךְ גִיבֶּענְצְט אִים, דֶער נָאךְ הָאבִּין זַייא גִיבֶּענְצְט דֶעם גֶענֶערַאל, ר׳ קאשמאן בְּעזוּנְדֶער

אונ זייא בעזונדער , אונ טייכין טרערין האט פון זייא גירונען , אונ זאגין : גאט האט דיר גישיקט נאר פיר איין מלאך הגואל , דער מלך אונ דוא גרויסער פירסט זאל עוויג לעבין . ניט פאר געסט ליבע לייט אז דורך אייער געטליכין רבינר איז דאס אלם געקומען , ניט ער , וואלט פון אייך גאר ניט גיבליבין , נור איר זאלט דינען גאט אונ דעם מלך , אונ איר זאלט זיך פארכטין פיר אייער אנפירער ר' קאשמאן , ער האט זיך גיבוקט צוא ר' קאשמאן אונ צוא אלעמען , אונ ר' קאשמאן האט אים געקוסט אין קאפף , אונ אלע האבין אים גיקוסט דיא הענט אונ איז אוועק , ר' קאשמאן האט פערופין אלע גרעסטע צוא זיך אויף סארגין , אונ האט גיזאגט : אחי בני עמי , ברידער פון מיין פאלק , איך האב סמלא גיוועזין מיין געטליכע שליחות , איך מוז שוין גיין בדרך כל הארץ , אויף דער אמתע וועלט , ניט דאנקט מיר אונ ניט לויבט מיר , נור דעם גאט פון אונזערע עלטערין , ער איז דער בעל הנפלאות , ער האט גיטאן ניסים צוא אונזערע עלטערין אונ צוא אונז אויך , אונ ווען ניט דיא חסדים פון הבורא יתברך שמו , וואלטין מיר איין שעה ניט גילעבט אויף דער וועלט , גם זאלט איר מורא האבין פיר דעם מלך , אונ איר זאלט חס ושלום ניט מורד זיין אן אים , איר האט גיזעהען דעם פסק פון קוניג אונ וואס ער האט אונז גיוואלט אומברייגען , אונ איבער פירין דיא גרעסטע לייט פון דת , גם ער איז גיוועזין איין מורד במלכות , וויא מען האט גיפונען די פערבארגענע פאפירין , איר זאלט לערנען דיא הייליגע תורה ומצות אונ מקיים זיין אלס , גם צוא לעבין שלום איינע מיט דיא אנדערע . ישראל זיינען איין פאלק , דיא תורה איז איינע פון הימיל , גאט איז איינער אויף אלע עולמות שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד ! עס האט ארום אים וויא אזייל פייער ארום גענומען , ויצאה נשמתו בקדושה ובטהרה . עס איז ניט צו בעשרייבין דעם געוויין , וואס עס איז גיווען ביי די יהודים אז עס איז פארלאשין גיווארין די ליכט פון דער וועלט , אונ דעם גרויסין כבוד וואס מען האט אים אב גיגעבין איז ניט משער צוא זיין , תהא נשמתו צרורה בצרור החיים , זכותו יגן עלינו אמן . נאך דר גישיכטע איז די יהודים פיל בעסער גיווען , וויא דער פסוק זאגט , ואף גם בהיותם בארץ אויביהם דאס הייסט ווען אפילו זיי זיינען אין דער פרעמד איז גאט מיט זייא צוא זאמען :